STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02643

# A FERVORFENER VINKEL

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַ פערוואָרפענער ווינקעל

אין פיער בילדער
געשריבען פון
פרץ הירשביין

ווילנער פערלאג ב. א. קלעצקין, 1915

הויפט־פערקויף ביים
ליטעראַרישען פערלאַג, ניו־יאָרק

פרייז פערציג סענט

פרץ הירשביין:

# אַ פערוואָרפענער ווינקעל

אין פיער בילדער

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

נאָטע, אַ קברן.
ט ו ד ר ו ס, זיין פאָטער.
ק ר י י נ ע, נאָטע'ס ווייב.
צ י ר ל, זייער טאָכטער.
ח י י ם ה ע ר ש, האָט אין שכנות אַ ווינד־מיהל.
ק ר י י ס ע ל, זיין ווייב.
נ ח }
ח י ה } זייערע קינדער.
ד אַ ב ע.
כ אַ צ ק ע ל, האַלץ־הענדלער.

## ערשטעס בילד.

אָנהייב פריהלינג. פריהמאָרגען. אויף אַ בית עולם. די זון, העל און וואַרים, האָט זיך שוין ארויסגעהויבען אויפ'ן הימעל. אַ גלייכער פלאַץ אָהן קברים. די גראָז גרינט שוין. רעכטס, אין הינטער־גרונד צוויי הייזער. טיעפער ברייט זיך אוים דער בית־עולם, די קברים טהיילווייז פון דער זון בעלויכטען. אַן אַלטער הילצערנער צוים רינגעלט דעם בית עולם אַרום.

ט ו ד ר ו ס

אַ גאַנץ אַלטער מאַן, הויך געוואַקסען, אָבער דער רוקען שוין געבויגען. ער קומט אַן פון צווישען די קברים געהענדיג כמעט הינטערריקס. ער רעדט דאָרט צו אימיצען אין דער זייט.

געזעהן אַ מאָל, אַ ציג זאָל האָלט האָבען נאָר צווישען די קברים אומצוקריכען. ביי נאַכט האָסטו געמעגט און איצטער טאָר מען נישט. מענשען וועלען אָנקומען; בעדאַרפסטו נישט זיין צווישען די קברים.

נ ח

בעווייזט זיך פון אַנדערען זייט צוים, שרייט אַריבער.

גוט מאָרגען, רב טודרוס!

ט ו ד ר ו ס

ווער איז עס? נח?! קום אַריבער. וואָס שטעהסטו דאָרטען?

נ ח

איך בין אויסגעשמידט אין מעהל, די מתים קענען זיך פאר מיר דערשרעקען.

ט ו ד ר ו ס

כע, כע... די מתים ווי די מתים — די ציעג קענסטו טאקע דער־שרעקען.

נ ח

און איהר פיהרט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט דער ציעג?

ט ו ד ר ו ס

אַ פיקחת; קלוג ווי אַ מענש. זעהסט ווי זי בעלעקט זיך. דאָרטען צווישען די קברים, זאָגט זי, איז די גראָז געשמאַקער. נו, קום אַריבער, האָסט קיין צייט נישט? שפּרינג אַריבער! אָט אַזוי...

נ ח

שפּרינגט אַריבער איבער׳ן צוים.

ט ו ד ר ו ס

אַז מען איז יונג בעדאַרף מען נישט קיין טיהר און נישט קיין טויער... כע־כע, ביזט פערמעהליגט.

נ ח

נאָך היינטיגע נאַכט מיט אַן אויג נישט צוגעטהאָן.

ט ו ד ר ו ס

געהערט: דער ווינד געריסען אַ גאַנצע נאַכט. דער ווינד געוועזן פון מזרח־צפון. ס׳האָט זיך געלאָזט הערען דאָס קלאַפּען פון מיהל.

נ ח

נישט קיין גלייכער ווינד געוועזן. כ׳האָב נישט געקענט מיט אַן אויג צוטהאָן. כאַפּט דער ווינט פון מזרח־צפון — רייסען שדים: הויב אויף דעם שטיין, לאָז צו דעם שטיין — פערקויפט ווי אַ הונד צו אַלדע שוואַרץ יאָהר.

ט ו ד ר ו ס

ווער איז איצטער אין מיהל?

נ ח

דער טאַטע איז שוין אויפגעשטאַנען.

ט ו ד ר ו ס

איך וואָלט געוועז אַ בעלן צוצוגעהן צום מיהל.

נ ח

איהר בעדאַרפט עפּעס האָבען?

ט ו ד ר ו ס

כ׳האָב געוואָלט זעהן דעם טאַטען דיינעם... איבעררעדען מכח אַן ענין.

נ ח

אי, האָבען נעכטען די ווייבער געוויינט אויפ׳ן בית־עולם. מען האָט אַזש ביי אונז אין מיהל געהערט.

ט ו ד ר ו ס

האָב זיי אַ גוט יאָהר, די ווייבער. האָבען נישט קיין דאגות, קלאָגען זיי. כ׳וואָלט זאָגען אייגענע — קומען אָן פרעמדע ווייבער און צולאָזען זיך אויפ׳ן געוויין.

נ ח

וויפיעל לויות נעכטען געוועזן?

ט ו ד ר ו ס

צוויי... אייגענע ווייבער קלאָגען אויס די אויגען אין דער היים; אויפ׳ן בית־עולם שווייגען זיי שוין; נאָר אַז עס טהוט אַ קלונג דער ערשטער רידעל ערד אויף די ברעטער — טהוט עס ווי מיט אַ מעסער אַ שטאָך; טהוען נאָך אַנדערע, וויינען אַ ביסעל...

נ ח

ווי לאַנג וואוינט איהר שוין דאָ? (ער זעצט זיך נעבען אלטען אויף אַ באַנק, וואָס נעבען צוים.)

ט ו ד ר ו ס

זיבען און דרייסיג יאָהר. מיין נאָטע איז נאָך יעמאָלט געוועזן שנעק ווי דו. אייער מיהל איז נאָך יעמאָלט דאָ נישט געשטאַנען. בע, בע, איך געדענק, אַז דיין מאַמע קרייסעל האָט דיך נאָך אויף די הענד געדזשווויגעט.

נ ח

די מיהל איז שוין אַלט. מען האָט איהר שוין געמענגט איבער־

שיטען. אז ס'איז א שטאַרקער ווינד האָב איך מורא צו לאָזען די פליגעל אויף אַלע פלאַכטעס.

ט ו ד ר ו ס

זי קרעכצט, הא?

נ ח

אָ־אָ, קרעכצט זי, די מיהל! ווי א לעבעדיגער מענש!

ט ו ד ר ו ס

א מאָל איז געווען כשוף אין די ווינד־מיהלען.

נ ח

דער טאַטע דערצעהלט, אז ביי זיין זיידען האָט מען מיט כשוף די שטיינער פון מיהל ארויסגעפיהרט.

ט ו ד ר ו ס

אַן אַלטע מעשה. אליין מיט מיינע אויגען געזעהן. א מיהל געלעגען איבערגעקעהרט און די שטיינער, איינער נעבען אנדערען, זיך פערקייקעלט אזש הינטער'ן בארג.

נ ח

אזוי! שווערע שטיינער געווען?

ט ו ד ר ו ס

בעדאַרפט האָבען פיער פּאָר אָקסען יעדען שטיין צוריק ארויפצושלעפּען.

נ ח

איינס נעבען אנדערען געלעגען?

ט ו ד ר ו ס

ביידע פון מיהל זיך ארויסגעקייקעלט.

נ ח

דאָס איז געווען אָבגעטהאָן?

ט ו ד ר ו ס

אָבגעטהאָן! ווי דען? ס'איז געווען א דייטש'ס ארבייט. האָט זיך ארומגעשלעפּט אין דער געגענד מיט א האַק און א זעג אויפ'ן פּלייצע — ארבייט געזוכט אין די מיהלען — מען האָט איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען; געווען א גנב — האָט ער א שפּיצעל אָבגעטהאָן.

נ ח

און מען האָט איהם נישט צופלעט דעם קאָפּ?

ט ו ד ר ו ס

ווער וועט זיך געהן מיט איהם אָנהויבען!

נ ח

גענעצענדיג.

אָ, אָ, ווען עס טרעפט אויף מיר, וואָלט איך איהם געמאַכט פאַר אוים דייטש... עס שלעפערט!

ט ו ד ר ו ס

שוין געדאַווענט?

נ ח

כ׳בין ערשט איצטער פון מיהל אַרוים...

ט ו ד ר ו ס

דאַווען אָב, ביים איבער און לעג זיך צו. ס׳איז גוט, אַז מען וואַקסט אונטער און מען העלפט אַ טאַטען. ביזט אַ כוואַט. כע, כע... צירל זאָל עס וויסען, אַז דו ביזט דאָ.

נ ח

פערשעהמט.

וואָס בעדאַרף זי עפּעס וויסען?

ט ו ד ר ו ס

כע־כע — מיר פערשטעהען זיך אויף טשוועקעס; מיר פערשטעהען זיך אויף אַ בר־מינן און מיר פערשטעהען זיך, אַז ביי אַ פערדעל בייטען זיך די צייהנער.

נ ח

זי שלאָפט נאָך?

ט ו ד ר ו ס

אָט אַזוי פרעג. זי שלאָפט נאָך.

נ ח

ווי מיינט איהר, דער ווינד וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטען?

ט ו ד ר ו ס

קען זיך שטעלען געגען נאַכט. ס׳וועט ווערען וואַרימער.

נ ח

היינטיגע נאַכט נאָך געוועזן גוט קאַלט.

ט ו ד ר ו ס

האָסט אַ פעלץ?

נ ח

ווי דען? ס'איז אָבער היינטיגע נאַכט ווארים געווען אָהן א פּעלץ.
ס'האָט מיר נישט געלאָזט אויף א מינוט רוהען.

ט ו ד ר ו ס

דאָס איז גוט. (עס הערט זיך אויפ'ן בית־עולם א פרויען־שטימע.
זינגט מעלאנכאָליש, טרויעריג.)

נ ח

ווער זינגט עס?

ט ו ד ר ו ס

גיט א פּאטש מיט די הענד.

אָבער נישט צו מאַכען מיט איהר! ווידער געקומען!

נ ח

ווער איז עס?

ט ו ד ר ו ס

מסתמא דאָבע. ווידער דאָ גענעכטיגט. האָט זיך פון מיר אויס־
בעהאַלטען.

נ ח

אויפ'ן בית־עולם גענעכטיגט?

ט ו ד ר ו ס

האָט זיך איינגענאַרזשעט צווישען די קינדערשע קברים'לעך, א
געלעגער זיך געמאַכט. איהר גליק וואָס נאַטע איז איצטער נישטאָ.

נ ח

וואָס אַרט איהם, אז זי שלאָפט דאָ?

ט ו ד ר ו ס

פון די מתים איז גענוג אויסצושטעהן, בעדאַרף מען נאָך האָבען
לעבעדיגע?!

נ ח

האָט דאָרט אַלע פינף קינדער איהרע.

ט ו ד ר ו ס

איז משוגע געוואָרען, ווען דאָס פינפטע איז אוועקגעשטאָרבען.
איצטער זאָגט זי, אז דאָ איז איהר היים.

ד אָ ב ע

אין די מיטעלע יאָהרען. אויף איהר געזיכט א פערגליווערטע בעגייסטערונג
וואָס פערשווינדט נִיט. זי קומט אָן.

טודרוס

מיט אַ געמאַכטע בייזקייט.

כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט אהער מעהר נישט געהן. וואָרט, נאָטע וועט ארויסקומען !

דאָבע

ווער וועט אכטונג געבען אויף מיינע קינדער, אז איך וועל ניט קומען ?

טודרוס

האָסט גערעדט מיט זיי ?

דאָבע

איך האָב גערעדט מיט זיי.

נח

קום צו אונז, וועט די מאמע דיר געבען צו עסען.

דאָבע

איך האָב דען ניט קיין היים ?

טודרוס

פאַר וואָס געהסטו נישט אהיים ?

דאָבע

דאָ איז מיין היים. עס וועט ווערען ווארימער, וועל איך מיינע קינדערלעך אָבדעקען און אויף דער גאַס ארויספיהרען.

טודרוס

אויף איהר קען מען גלויבען ; וועט נאָך ביי נאַכט אויפגראָבען די קברים... הער נאָר דו, טראַכסט עס נישט אַ מאָל צו טהאָן ? מען וועט דיר דיינע ביינער צוברעכען. וואָס מען האָט דער ערד אוועקגעגעבען, נעהמט מען נישט צוריק.

דאָבע

שווייגט ווי פערשטיינערט און די טרעהרען פאַלען פון איהרע אויגען.

נח

זי וויינט.

טודרוס

ווער געזונד, זיי אַ מענש, וועסטו אנדערע קינדער האָבען.

דאָבע

שווייגענדיג געהט זי אַוועק פון וואַנען זי איז געקומען.

טודרוס

שרייט איהר נאָך.

היט זיך, ווארום נאָטע וועט באַלד אויפשטעהן; ער וועט דיר ווייזען וואו דער טויער איז.

נאָטע

קומט אַרויס, טראָגט אַ לאָם און אַ רידעל.

גוט מאָרגען. דאָבע איז שוין ווידער דאָ?

נח

זי איז דאָ נאָר וואָס געוועזן.

נאָטע

נישט צו פערטרייבען איהר פון דאַנען. אַ ווארימער טאָג, וואָס?

נח

שוין אַ פיינער גראָז פאַראַן. מען קען שוין דעם פערד אַרויסלאָזען.

נאָטע

און די ערד איז נאָך אַלץ געפרוירען אין דער טיעף. קענסט נאָך אָהן דעם לאָם נישט אויסקומען.

נח

איהר לעגט נאָך פייער די ערד צו דערווארימען?

נאָטע

ס'איז אין גאַנצען ביי אַ דריי פינגער די גרעב. שוין קיין דאגה נישט. וואָלט נאָר אימיצער העלפען. נעכטען צוויי קברים גע־גראָבען און היינט ווידער צוויי שוין זיכערע און אפשר וועט נאָך אַ דריטער צוקומען; מען רייסט זיך די געדערים אַרויס... וואָס טהוט דער טאַטע?

נח

איז אין מיהל.

נאָטע

זאָג איהם, אַז ער איז אַ גרויסער גאָר נישט.

נח

פאַר וואָס?

נאָטע

ער וויים שוין פאַר וואָס.

טודרוס

זאָג איהם גאָר נישט.

נאָטע

דו, טאַטע, מיש זיך נישט! וועט ער נישט פאָלגען מיט יטען, וועט ער ברענען ווי א ליכט, וועט מען אונטער־צינדען.

נח

אז מען האט נישט געצונדען ביז איצטער —

נאָטע

וועט מען צינדען שפעטער.

נח

איהר אליין וועט עס מאכען?

נאָטע

ס'איז שוין קיינעמס דאגה נישט ווער ס'וועט צינדען. ווען איך וואָלט דערלאָזען, האָט נאָך פאר צעהן־יאָהרען געקענט זיין א בארג אש אויף דעם אָרט וואו דיין טאטען'ס מיהל שטעהט. מעגסט עס איהם זאָגען.

נח

איך... ס'איז נישט מיינע דאגות.

נאָטע

קום, טאטע, וועסטו מיר העלפען דאָרט א שטיין אראבקאטשען. ס'ליעגט דאָרטען א בארג שטיינער, געפעלט רב חיים יונה'ן דוקא אונטער זיי זיין טאטען בעגראָבען. און דו רייס זיך די געדערים ארויס פאר אלדע שווארץ יאָהר. קום, טאטע! (געהט אוועק אויפ'ן בית־עולם.)

טודרוס

האָב קיין מורא נישט. מען צינדט נאָך נישט. נאָר דיין טאטע איז א נאר.

נח

ער וויל נישט, נאָך א מיהל זאָל זיין אין שכנות.

טודרוס

ווען נישט איך וואָלט ער דאָ יעמאָלט, נאָך זיין חתונה, קיין מיהל נישט געהאט. ס'איז נישט פאר זיינע כחות געווען.

נח

דער טאטע וויל אליין נאָך א מיהל שטעלען.

טודרוס

איז עס זיינע א זאך. (עס הערט זיך נאָטע'ס רופען „טאטע!") באלד קום איך. איך געה שוין.

צירל

קומט אַרויס.

טודרוס

וואָס וועט איהר נישט זאָגען צירלען?

טודרוס

אָט איז צירל. זאָג איהר גאָר נישט.

צירל

אַוועקגעהענדיג.

ס'איז נישט קיינעמ'ס דאגה.

צירל

זאָג מיר, נח, וואָס האָט ער געמיינט?

נח

אזוי פריה ביזטו אויפגעשטאנען?!

צירל

פון וואָס האָט איהר גערעדט?

נח

וויל איהר אַרומנעהמען.

קום, וועל איך דיר אויסשמירען אין מעהל.

צירל

אז דו וועסט מיר דערצעהלען, וועל איך זיך לאָזען.

נח

וועסטו?

צירל

איך וויים אליין פון וואָס איהר האָט דאָ גערעדט.

נח

דיין טאטע זאָגט, אז ער וועט אונז אונטערצינדען.

צירל

ס'א ליגען!

נח

ער האָט אליין געזאָגט.

צירל

קיינער האָט עס נישט געהערט.

נח

איך אַליין האָב געהערט. ער האָט עס מיר אַליין געהייסען זאָגען דעם טאטען.

צירל

אויף א ליגען.

נח

א ליגען איז א ליגען.

צירל

מיין טאטע וויל ארויסציהען פון בית־עולם. ער וויל נישט זיין מעהר קיין קברן. איך וויל אויך, אז מיר זאָלען נישט וואוינען מעהר אויפ'ן בית עולם.

נח

און דו וועסט ווערען א פריצטע. יעמאָלט וועט דיר כאצקעל נעהמען פאר א כלה.

צירל

אויב דו ביזט געקומען אזוי בעגינען מיר עס צו זאָגען, האָסטו געמעגט זיצען אין דער היים.

נח

איך בין נישט צו דיר געקומען. ס'איז א שעהנער פריהמאָרגען, בין איך געקומען.

צירל

אין א ווילע ארום.

שלאָפסט נישט ביינאכט. זעהסט אוים ווי א טייוועל.

נח

האָסט געמעגט קומען א ביסעל צו מיר אין מיהל אריין ביינאכט.

צירל

איך בין געווען. ביזט געשלאָפען אויף א זאק מעהל.

נח

ס'א ליגען!

צירל

איך בין אויף די טרעפּלעך געווען. כ'האָב אין מיהל אריינגעקוקט.

נח

האָסט דאָך מורא אליין צו געהן ביינאכט.

צירל

איך האָב שוין גאָר נישט קיין מורא. דו ביזט געזעסען אויף א זאק מעהל אנגעשפּארט.

נח

איך בין געווען אין א פעלץ אָדער אָהן א פעלץ?

צירל

איך געדענק נישט. דו ביזט געשלאָפֿן.

נח

געווען איז געווען.

צירל

איך האָב דיך געוואָלט איבערשרעקן, נאָר מען האָט מיך נישט געלאָזט.

נח

ווער האָט דיר נישט געלאָזט?

צירל

נאָך אַ מענש מיט מיר געווען.

נח

באַצקעל?

צירל

איך ווייס נישט.

נח

זאָגסט אַ ליגן.

צירל

ביזט אַליין אַ ליגנער. איך האָב פֿאַר דיר קיין מורא נישט. איך האָב דיך פֿיינד מיט דיין טאַטען אין איינעם.

נח

איך בין נישט צו דיר געקומען. מיין נישט, אַז איך בין דאָס אַזוי בעגינען צו דיר געקומען צו לויפֿען.

צירל

און מיר אַרט נישט, אַז דו ביזט יאָ צו מיר געקומען. ביזט אפשר געקומען צום זיידען? אָדער — זאָגען דער ציעג „גוט מאָרגען“?

נח

איך בין געקומען צום זיידען. איך האָב איהם פֿון ווייטען געזעהן; ארומגעהענדיג אויפֿ׳ן בית־עולם.

צירל

איז גאָר נישט.

נח

ברוגז׳דיג.

איך וועל זיך געהן לעגען שלאָפֿען, וועל איך בעסער מאַכען.

צירל

קענסט מיר נישט פערוועהרען פיינט צו האָבען דיין טאַטען. דיין מאַמען האָב איך ליעב, נאָר דיין טאַטען קען איך נישט אָנזעהן.

נ ח

און איך האָב פיינט דיר מיט דיין טאַטען אין איינעם. (וויל אַוועקגעהן.)

צ י ר ל

זעה נאָר, ווי ער איז ברוגז געוואָרען. ער וויל עס נאָך זיין מיין חתן.

נ ח

בלייבט שטעהן, דאָס געזיכט פון איהר אָבגעקעהרט.

צ י ר ל

ווילסט דאָך געהן אהיים שלאָפען — קענסט זיך געהן.

נ ח

אז איך וועל נאָך א מאָל הערען פון דיין טאַטען, אז אונזער מיהל וועט מיט'ן פייער אַוועקגעהן, וועל איך איהם מיט א שטיין דעם קאָפּ צושפּאַלטען.

צ י ר ל

געה ברענג מיר ארוים פון שטוב א קריגעל, וועל איך די ציעג אויסמעלקען.

נ ח

איך געה נישט צו אייך אין שטוב אריין. אז כאַצקעל וועט נאָך א מאָל קומען צו אונז אין מיהל אריין, וועל איך איהם פון אַלע טרעפּ אראָבוואַרפען.

צ י ר ל

ער איז שטאַרקער פון דיר.

נ ח

זאָל ער נאָך וואַרטען א ביסעל.

צ י ר ל

ער האָט מיר נעכטען דערצעהלט, אז אין וואַלד האָט זיך איבער־געקעהרט א וואָגען מיט האָלץ, האָט ער איהם אַליין אויפגעהויבען.

נ ח

זאָל ער זיך בעריהמען.

צ י ר ל

ער איז שעהנער פון דיר אויך

נ ח

האָט א פערריסענע נאָז.

צ י ד ל

מיר געפעלט ער בעסער.

נ ח

נו, האָב חתונה מיט איהם.

צ י ד ל

איך האָב דאָך דיר געבעטען דו זאָלסט מיר אַרויסברענגען אַ קריגעל פון שטוב.

נ ח

מיט כּאַצקלען וועסטו זיך שאַפען, נישט מיט מיר.

צ י ד ל

אַז דיין טאַטע וועט דיר אויפשטעלען אַ ווינד־מיהל, יעמאָלט וועל איך דיך נעהמען פאַר אַ חתן.

נ ח

כּאַצקעל מיינסטו איז עס אַזאַ גרויסער לייט?

צ י ד ל

ער איז מעהר לייט פון דיר.

נ ח

אַלץ בעדיהמעריי. אָבער דו מיין נאָר נישט, אַז צו דיר קום איך עס. איך האָב דיר אפילו גאָר קיין מאָל נישט ליעב געהאַט. וואַלגערסט זיך דאָ אום אויפ'ן בית־עולם. די ציעג פּאַשעט זיך אויפ'ן בית־עולם און דו טרינקסט די מילך איהרע. אין דיר וועט זיך נאָך אַ גלגול אריינכאַפּען. אַז דו ביזט גוט, אַרט עס מיר נישט. נאָר אַז דו הויבסט אָן מאַכען דיינע שטיק, האָב איך דיך פיינט.

צ י ד ל

וואָס זאָגסטו, די ציעג?

נ ח

איך זאָג וואָס איך ווייס. דער אַלטער האָט היינט אויך געפּאַשעט די ציעג צווישען די קברים. אַז אין דיר וועט זיך אריינכאַפּען אַ גלגול, וועלען אַלע מענשען פון דיר אנטלויפען. מען וועט דיך אריינזעצען אין אַ פאַס, פון אַלע זייטען וועט מען איהר פער־שלאָגען און מען וועט דיך לאָזען זיך קייקלען אין דער פאַס באַרג־אַראָב ביז די פאַס וועט צוברעכען ווערען; דו וועסט אַרויספאַלען און דער גלגול וועט אנטלויפען. (לאַכט.)

צ י ד ל

הער אויף; איך גיס דיר באַלד אָב מיט וואַסער. ווילסט איך

מיר א שרעק ארויפוואָרפען? אויב דיר געפעלט נישט, וואָס מיר וואוינען אויפ'ן בית עולם, טאָ זאָל אונז דיין טאַטע לאָזען קויפען דאָ א פּלאַץ און א מיהל אויפשטעלען.

נ ח

דער טאַטע וויל נישט אָנוועהרען זיין ברויט.

צ י ד ל

דו ביזט אַזוי גוט ווי דיין טאַטע.

נ ח

און דו ביזט אַזוי גוט ווי דיין טאַטע.

צ י ד ל

געה זיך אַוועק פון דאַנען און קום נישט מעהר אַהער.

נ ח

אַז איך בין נישט צו דיר געקומען.

צ י ד ל

געה אַוועק פון דאַנען!

נ ח

וויל אַוועקגעהן.

צ י ד ל

ווייבער.

קום צו מיר, נח.

נ ח

קום צו מיר נעהנטער א ביסעל. מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט מורא פאַר מיר.

צ י ד ל

וואָס ווילסטו?

צ י ד ל

קום צו מיר. גוט האָסטו געטהאָן, וואָס דו ביזט געקומען. זאָג, אַז ס'איז א ליגען.

נ ח

וואָס?

צ י ד ל

אַז אין מיר קען אריין א גלגול דערפאַר וואָס איך וואוין אויפ'ן בית־עולם.

נ ח

איך ווייס נישט.

נ ח

אפשר האָב איך מורא

צ י ר ל

און אז איך וועל כאַצקלען פיינט האָבען, וועסטו שוין זיין צופרידען?

נ ח

פון מיינעטוועגען קענסטו איהם ליעב האָבען. מיר אַרט עס נישט. דו שפּיעלסט זיך מיט מיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, און איך וויל נישט דו זאָלסט זיך מיט מיר שפּיעלען.

צ י ר ל

אויפגעבראַכט.

זאָגסט אַ ליגען. געה זיך פון דאַנען. קום נישט מעהר צו מיר. ווען דו וואָלסט מיר טאַקע אין אמת'ען ליעב האָבען, וואָלסטו מיך נישט אַזוי איבערגעשראָקען. (כאַפּט אַ שטעקען און טרייבט אַוועק די ציעג.)

נ ח

וואָס איז די ציעג שולדיג?

צ י ר ל

רעד נישט מעהר צו מיר. שטעה נישט דאָ. געה זיך אהיים.

נ ח

אז דו טרייבסט מיר, געה איך נישט.

צ י ר ל

פּלוצלונג.

איך האָב דיר פיינט! (פערדעקט דאָס געזיכט און לויפט אַריין אין שטוב.)

נ ח

קוקט איהר נאָך אַ ווײַלע. ער קלעטערט אַריבער דעם צוים און פערשווינדט.

צ י ר ל

קומט ארויס, ווי זי וואָלט וועלען אויס'מוסר'ען נח'ן. זעהענדיג, אַז ער איז ניטאָ, ווערט זי ערנסט, איילט צום צוים, רופט „נח! נח!" קיינער ענטפערט נישט. זי ווישט די טרעהרען.

ד אָ ב ע

קומט. שטעלט זיך אנטקעגען צירלען, קוקט זי אָן.

מיין יענטעלע איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי דו.

צ י ד ל

בייז.

יענטעלע איז געשטאָרבען.

ד אָ ב ע

נאאיוו.

געשטאָרבען ?

צ י ד ל

דער טאַטע האָט זי אַליין בעגראָבען.

ד אָ ב ע

בעגראָבען ?

צ י ד ל

זי וועט שוין קיין מאָל נישט זיין אַזוי גרויס ווי איך.

ד אָ ב ע

קיין מאָל נישט ?

צ י ד ל

ווייזט אויף דער ציעג.

וואָס איז דאָרט ?

ד אָ ב ע

מיין קינד.

צ י ד ל

דאָס איז אַ ציעג. דיינע קינדער זיינען דאָרט... דאָרט, וואו די קברים זיינען.

ד אָ ב ע

דאָרט זיינען מיינע קינדער ?

צ י ד ל

יא. גערה אויך אהין. דאָרט זיינען אַלע דיינע קינדער.

ד אָ ב ע

דאָרט זיינען אַלע מיינע קינדער. (געהט אוועק.)

צ י ד ל

רופט.

מאַמע ! מאַמע !

ק ר י י נ ע

קומט ארויס פון שטוב.

וואָס דארפסטו מיך האָבען ?

צ י ד ל

ווען וועלען מיר ארויסציהען פון בית־עולם ?

ק ר י י נ ע

וואס פאלט עס דיר איין ?

צ י ד ל

אזוי. פאר גאר נישט.

ק ר י י נ ע

האסט שוין אויסגעמאלקען די ציעג ?

צ י ד ל

איך וויל זי מעהר נישט מעלקען.

ק ר י י נ ע

א שגעון פערדרעהט? (קלייבט שייטלעך האלץ וואס ליעגען ביים צוים.)

צ י ד ל

פאר וואס וויל דער טאטע אונטערצינדען חיים הערשען ?

ק ר י י נ ע

זאלסט עס מיר מעהר פון דיין מויל נישט ארויסרעדען. דו !

צ י ד ל

דער טאטע האט געזאגט.

ק ר י י נ ע

נח'ן וועל איך פון שטוב ארויסטרייבען.

צ י ד ל

ער וועט אליין אהער נישט קומען. (זי וויינט.)

ק ר י י נ ע

אויף א פולען פריהמארגען וועסטו מיר דא... געה ברענג דעם קריגעל ארוים.

צ י ד ל געהט צום שטוב.

ק ר י י נ ע

קוקט איהר נאך, ווארפט ס'האלץ אראב.

קום צוריק. קום נאר אהער.

צ י ד ל

וואס ווילסטו פון מיר ?

ק ר י י נ ע

זעה, וואס איז מיט דיר היינט ?

צ י ר ל

שווייגט.

ק ר י י נ ע

טאַפּט איהר דעם קאָפּ.

ביזט נישט געזונד, חלילה?

צ י ר ל

איך ווייס נישט.

ק ר י י נ ע

בלאָזט איהר אָב דריי מאָל און שפּייט אויס.

קיין בייז זאָל נישט זיין. האָסט אַ ביסעל היץ. קום אין שטוב אַריין. מען וועט בעדאַרפען אַן עין־הרע אָבשפּרעכען. (זיי געהען ביידע אין שטוב אַריין. עס הערט זיך ווידער דאָבע'ס געזאַנג.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

## צווייטעם בילד.

ביי חיים הערש דעם מילנער. דער אייגענער פריהמאָרגען. א ווייס געקאַלכט שטיבעל. קליינע פענסטער דורך וועלכע עס זעהט זיך דאָס פעלד. צייטענווייז הערט זיך דאָס קלאַפּען אין מיהל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון שטוב.

קרייסעל

ראמט אויף אין שטוב.

חיים הערש

קומט אַן מיט אַנ'עמער וואַסער.

חיה

העלפט טראָגען דעם עמער.

לאָז, מיר, טאַטע, איך וועל אליין קענען אריינטראָגען.

חיים הערש

לאָז, נאַר. ווילסט זיך די געדערים איינרייסען.

חיה

אָבער, אז איך וועל קענען אליין אויפהויבען.

חיים הערש

גענוג שוין, זאָג איך דיר. (צו קרייסלען) און דו האָסט נישט מעהר וואָס צו טהאָן. שיקסט איהר אליין צום ברונעם. ס'פעלט מעהר נישט זי זאָל נאָך אריינפאַלען אין ברונעם אריין.

קרייסעל

איך האָב איהר געשיקט? איך האָב איהר געהייסען נאָר דעם עמער ארויסטראָגען און דו זאָלסט וואַסער אָנשעפּען. (צו חיה'ן) איך וועל דיר געבען, אז דו וועסט מיר אליין קריכען צום ברונעם!

חיים הערש

ווען איך קום נישט אָן וואָלט זי שוין אין וואַסער געלעגען, האָט זיך אין גאַנצען אריבערגעבויגען איבער'ן ברונעם.

חיה

ס'איז מיר דען צום ערשטען מאָל?

קרייסעל

אז קיינער בעט עס נישט ביי דיר. אזא טיפּעניש. אז איך קוק אריין אין ברונעם פארדרעט זיך מיר אזש דער קאָפּ.

חיה

אז איך קוק אריין אין ברונעם זעה איך דאָרט מיין פנים. וואַרף איך אריין א שטיינדעל ווערט מיין קאָפּ צובראָכען און באלד ווערט ער ווידער גאַנץ.

חיים הערש

הערסט ווי דיין טאָכטער רעדט ? וועסט שוין האָבען פון איהר נחת.

קרייסעל

וואָס ווילסטו פון א קינד ?

חיה

איך בין שוין אַלט צוועלף יאָהר. באשר איך בין איינע האלט מען מיר ציטריג. אַלע געהען שוין באָרפוס און איך מוז נאָך שלעפּען די שיך. איך וויל נישט. לאָז מיר אויסטהאָן די שיך. ס'איז שוין אזוי ווארים. (זעצט זיך אויף דער ערד און וויל אויסטהאָן די שיך.)

קרייסעל

וואָס נאָך עפּים ?

חיים הערש

קלייב נחת פון דיין טאָכטער.

קרייסעל

מען קען טאַקי מיינען, אז איך צולאָז איהר. (דאָס קלאַפּען פון מיהל ווערט שטאַרקער.)

חיים הערש

אויף א מינוט קען מען די מיהל נישט לאָזען אליין. (געהט אַרויס.)

קרייסעל

צו חיה'ן.

איך וועל דיר געבען, אז דו וועסט מיר אליין געהן צום ברונעם שעפּען. איך האָב נאָר נישט געוואָלט רעדען פאר'ן טאַטען אין די אויגען ער וואָלט דיר דיין לייב צופּאַסעוועט.

חיה

איך וויל נישט זיין ציטריג. איך בין שוין צוועלף יאָהר אַלט.

קרייסעל

איך וועל דיר באלד געבען א „ציטריג". ווילסט זיך אָנמאַכען א צרה און שפּעטער זאָל עס צו מיין קאָפּ אויסגעהן ?

חיה

כ'וועל זיך נישט אָנמאַכען קיין צרה.

קרייסעל

מיינסט איך זעה נישט, אז דו קריכסט אונטער די פליגעל ווען די מיהל געהט ? וויפיעל פעלט, פון מויל טאָר מען עס נישט ארויס־לאָזען, איין טשעפּ — און ס'איז שוין נאָך דיר.

חיה

אז איך געה נישט צו די פליגעל.

קרייסעל

וואָס האָסטו צו געהן אליין אין מיהל אריין ? !

חיה

קיינער וועט מיר נישט כאַפּען.

קרייסעל

וואָס פאַר א גוט יאָהר טראָגט דיר צום בית עולם ? ס'איז דאָך א בית עולם, פון מויל טאָהר מען נישט ארויסרעדען.

חיה

ווער 'עט מיר כאַפּען ?

קרייסעל

דאָרט ליגען דאָך טויטע.

חיה

און אז נאָטע וואוינט דאָרט ?

קרייסעל

נאָטע ? נאָטע מוז דאָרט וואוינען.

חיה

און צירל ?

קרייסעל

צירל ? צירל איז זיין טאָכטער. דאָרט איז איהר היים.

חיה

פאַר וואָס האָט זי קיין מורא נישט ?

קרייסעל

קום איך וועל דיר פערפלעכטען די האָר. שטענדיג געהסטו ארום ווי א מכשפה.

חיה

וואָס איז א מכשפה, מאַמע ?

קרייסעל

פלעכט.

א מכשפה — מען טאָהר עס פון מויל נישט ארויסלאָזען.

ח י ה

פאַר וואָס האָבען זיי קיין מורא נישט צו וואוינען דאָרטען ?

ק ר י י ס ע ל

מענשען, אַז זיי שטאַרבען מוז מען זיי בעגראָבען.

ח י ה

און זיי געהען קיין מאָל נישט אַרויס פון דער ערד ?

ק ר י י ס ע ל

ניין.

ח י ה

טאָ פאַר וואָס זאָל איך פאַר זיי מורא האָבען ?

ק ר י י ס ע ל

הער שוין אויף.

ח י ה

און נאָטען קומען זיי קיין מאָל נישט שטיקען ?

ק ר י י ס ע ל

ועסט אפשר שווייגען, צו ניין ?

ח י ה

צירל וואַקסט אויפ'ן בית־עולם און גאָר נישט.

ק ר י י ס ע ל

צירל, האָב איך דאָך דיר געזאָגט, איז ווייערע אַ טאָכטער ; מאַכט נישט אויס.

ח י ה

פאַר וואָס געהט אַהין נח ?

ק ר י י ס ע ל

האָב איהם אַ גוט יאָהר. וואו איז ער איצטער, האָסט איהם נישט געזעהן ?

ח י ה

איך האָב געזעהן ווי ער איז אוועקגעגאַנגען צום בית־עולם.

ק ר י י ס ע ל

מעהר פעהלט נאָך נישט.

ח י ה

ער געהט צו צירלען.

ק ר י י ס ע ל

שווייג, דו נאַר !

ח י ה

טאקע, ער געהט צו צירלען.

ק ר י י ס ע ל

עס פעהלט מיר נאָך מעהר נישט, דער טאטע זאָל עס הערען.

ח י ה

דער טאטע האָט איהם געזעהן.

ק ר י י ס ע ל

דער טאטע האָט איהם נישט געזעהן. ווארום ער וואָלט איהם שוין געגעבען, אז ער זאָל האָבען צו געדענקען.

ח י ה

פאר וואָס לאָזט איהם דער טאטע נישט געהן אהין ?

ק ר י י ס ע ל

ווייל זיי ווילען צונעהמען ביי אונז דעם ביסען ברויט.

ח י ה

פאר וואָס ווילען זיי צונעהמען ?

ק ר י י ס ע ל

שטויסט זי אָפּ פון זיך.

געה, טשעפּע זיך אָב פון מיר !

ח י ה

מען טאָהר שוין נישט פרעגען ? (נעהמט אַ שער און שערט אויס שפּי־צען פון פּאַפּיר.)

ח י י ם ה ע ר ש

קומט אריין.

וואו איז נח ?

ק ר י י ס ע ל

ער איז דען נישטאָ אין מיהל ?

ח י י ם ה ע ר ש

ער שלאָפט נישט ?

ח י ה

ער איז אויפ'ן בית־עולם.

ק ר י י ס ע ל

שלאָגט איהר איבער די הענד.

מען פרעגט נישט ביי דיר.

חיים הערש

אזוי גאָר — דיר געפעלט עס ? דיין זוהן,

קרייסעל

וואָס ווילסטו האָבען פון מיר ?

חיים הערש

צו וועמען רעדען זאָל איך רעדען ? ! דו ווייסט, אז ער געהט אהין און דו לאָזט איהם ? און דו זאָגסט עס מיר גאָר נישט ?

קרייסעל

וואָס זאָל איך טהאָן ?

חיים הערש

מיר זאָגט מען און איך וועל איהם זיינע באקען צופּאטשען.

קרייסעל

ביים זיך פריהער אָב די צונג, דו, אַלטער נאַר.

חיים הערש

איך זאָג דיר, אז ער וועט שוין אהין מעהר נישט געהן.

קרייסעל

אז דאָס קינד וויל געהן קענסטו איהם נישט פערווערען.

חיים הערש

און איך זאָג דיר, אז עס וועט איהם שוין זיין דאָס לעצטע מאָל !

קרייסעל

שא, שריי נאָר נישט אזוי ; דאָס קינד שרעקט זיך.

חיים הערש

איך האָרעווע, איך ציה מיר די אָדערען און דו וועסט לאָזען דיין זוהן געהן צו מיינע שונאים !

קרייסעל

איך שיק איהם נישט אהין.

חיים הערש

ווייסט, אז ער וויל אונז אונטערצינדען ? ער האָט שוין מענשען געדונגען.

קרייסעל

דו גלויב נאָר נישט אזעלכע מעשיות.

חיים הערש

מען וועט נאָך דעם פערד פון שטאָל אויך ארויסנעהמען.

קרייסעל

קיינער וועט נישט נעהמען.

חיים הערש

צו חיה'ן.

און דו געהסט אויך אהין, דו חצופה? ! (רייסט מיט כעס די שער אַרויס.)

חיה

וויינט.

איך געה נישט אהין.

קרייסעל

בעשיצט חיה'ן.

וואָס ווילסטו פון קינד? האָט זיך צושריען און נישט וויסענדיג פאר וואָס.

חיים הערש

איך וויים שוין פאר וואָס איך שריי. עס וועט איהם, זאָגט ער, זיין קאָפּ ליגען אין דער ערד און ער וועט מיר אויסשטעלען א ווינד־מיהל אונטער דער נאָז.

קרייסעל

ער שטעלט נאָך נישט.

חיים הערש

וויסט זעהר א סך; ער האָט שוין א פּלאַץ נעבען אונז געקויפט.

קרייסעל

מיינע שונאים !

חיים הערש

אזוי... זיך דערשראָקען. מען וועט מיט דער טאָרבע אוועקגעהן.

קרייסעל

און זי געהט עס נאָך אהער. מיט הייסע וואסער וועל איך איהר אָבגיסען.

חיים הערש

שוין לאנג בעדארפט עס טהאָן. אָבער אזוי וועט עס נישט אָבגעהן, בלוט וועט זיך גיסען, אז מען וועט אָנהייבען געהילץ צופיהרען.

קרייסעל

אונרוהיג.

זאָג מיר, כ'בעט דיר, פון וואנען ווייסטו, אז ער האָט דעם פּלאַץ געקויפט?

חיים הערש

וואו איז דער זוהן (צו חיה'ן) האָסט נישט געזעהן וואו נח איז?

חיה

איך ווייס נישט.

חיים הערש

זאָג מיר, קרייסעל, געהט ער אפשר צו זיין טאָכטער? זאָג מיר, וואָס שווייגסטו?

קרייסעל

וואָס ביזטו היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט?

חיים הערש

ענטפערסט נישט. בעדאַרף מען נישט. איך וועל איהם שוין מיט דער בייטש ברענגען צוטרייבען אהיים. (ער זוכט אַ בייטש).

קרייסעל

משוגע'נער וואוהין געהסטו? לאָז איהם נישט, מיין קינד, נישט אַנדערש ער איז משוגע געוואָרען.

חיים הערש

אָבער ס'איז דאָך נישט אויסצוהאַלטען. ווייב און קינדער זאָלען זיין געגען אַנ'אייגענעם טאַטען; קינדער זאָלען וועלען, אז דער טאַטע זאָל אַ בעטלער ווערען. (מיהל קלאַפּט) זיין גליק, וואָס איך מוז געהן אין מיהל אריין (געהט אַרויס.)

חיה

קוקט אין פענסטער.

ער איז אין מיהל אוועק.

קרייסעל

שלאָגט איהר.

ווער האָט דיר געבעטען דערצעהלען, אז ער איז געגאַנגען צו נאָטען? ווער האָט דיר געבעטען, פרעג איך דיר...

חיה

וואָס ווילט איהר פון מיר? איך וויל אַליין אויך געהן אהין. איך בין מיט זיי נישט ברוגז. צירל האָט מיר גערופען צו זיי.

קרייסעל

האָסט געהערט וואָס דער טאַטע האָט דערצעהלט? זיי האָבען זיך אָנגעזעצט אויף אונז. זיי ווילען אונז אומגליקליך מאַכען. זאָלסט צו זיי מעהר נישט געהן. נח וועט שוין אויך צו זיי מעהר נישט געהן, איך וועל איהם זאָגען.

נ ח

קומט אריין.

גוט מאָרגען.

ק ר י י ס ע ל

גוט מאָרגען, מיין קינד, וואו ביזטו געוועז ?

נ ח

איך האָב געוואָלט דעם שלאָף א ביסעל פערטרייבען.

ק ר י י ס ע ל

דערלאַנגט איהם אַ גלאָז טהע.

ביים עפּיס איבער און לעג זיך צו.

נ ח

דער טאָג איז נאָך גרויס.

ק ר י י ס ע ל

דער טאַטע איז זעהר אין כעס.

נ ח

אויף וועמען ?

ק ר י י ס ע ל

ער איז אין כעס וואָס נאַטע וויל פון אונז דאָס שטיקעל ברויט צו־נעמען.

נ ח

טאָ וואָס בין איך שולדיג ?

ק ר י י ס ע ל

איך ווייס, אז דו ביזט נישט שולדיג. חיה זאָגט, אז דו ביזט היינט נעגאַנגען אהין.

נ ח

חיה זאָגט ?

ח י ה

איך האָב טאקי געזעהן.

נ ח

נו, איך בין געוועז. איך געה אהין — אָבער וואָס האָט איינס צום אנדערען ?

ק ר י י ס ע ל

יאָ, טאקי וואָס האָט עס איינס צום אנדערען ? צירל איז אין איהר טאַטען נישט געראָטען.

נ ח

צוטומעלט.

וואָס האָט עס מיט צירלען צו טהאָן ?

קרייסעל

איך זאָג דאָך גאָר נישט.

חיים הערש

קומט אריין.

אָט איז דער שעהנער זוהן ; א גרוים נחת טהוסטו מיר אָן...

נ ח

איך בין אפשר נישט געזעסען א גאַנצע נאַכט אין מיהל ?

חיים הערש

מוחל !

נ ח

ביזט מיר מוחל — איז נישט. ווילסט אפשר, אז איך זאָל זיך פער־דינגען צו א פרעמדען ?

חיים הערש

וואָס עפּיס, זיך פערדינגען צו א פרעמדען ? ווערסט אויפשטעלען דאָ א מיהל אין איינעם מיט'ן קברן ; דעם טאַטען, חיים הערשען, מיט דער מאַמען, קרייסעל, וועט איהר בעגראָבען — און דערנאָך חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער.

נ ח

בעסער רעד עס נישט.

חיים הערש

ווערסט מיר אפשר הייסען שווייגען ? !

נ ח

מאַמע, וואָס וויל ער פון מיר האָבען ?

חיים הערש

נו, מאַמע, זאָג וואָס מען וויל פון איהם האָבען ?

קרייסעל

איך ווייס טאַקי נישט וואָס דו ווילסט האָבען פון קינד.

חיים הערש

דיין קינד — נישט מיינס.

קרייסעל

דיין קינד, מיין קינד... האָט זיך נעביך אָנגעהאָרעוועט אזא נאַכט — וואָס ביזטו צו איהם צוגעשטאַנען ?

נ ח

איך הער וואָס איהר רעדט און איך פערשטעה קיין איין וואָרט נישט.
איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגען.

ח י י ם  ה ע ר ש

וויל איהם שלאָגען.

וועסט שוין באַלד פערשטעהן.

ק ר י י ס ע ל

בעשיצט נח׳ן.

ער איז משוגע געוואָרען, נישט אַנדערש.

נ ח

לאָז איהם, זאָל ער שלאָגען. (בויגט איין דעם קאָפּ צום פאָטער) נאַ, שלאָג אויב דו ווילסט. כ׳וועל דיר צוריק נישט אָבגעבען.

ח י י ם  ה ע ר ש

טרעט אָב. וויל אַרויסגעהן נאָך פלוצלונג ווענדעט ער זיך צו נח׳ן.

זאָג מיר קלאָהרע ווערטער. ביזט היינט געווען אויפ׳ן בית־עולם?

נ ח

כ׳בין געווען.

ק ר י י ס ע ל

ענטפער איהם נישט, מיין קינד.

נ ח

איך האָב נישט מורא צו זאָגען דעם אמת. איך בין דאָרט נעכטען געווען, איך בין היינט געווען און כ׳וועל מאָרגען אויך אַהין געהן.

ח י י ם  ה ע ר ש

איך וועל דיר דיינע פיס צוברעכען.

נ ח

וועל איך אויך געהן.

ח י י ם  ה ע ר ש

זיין מויד האָט דיך דעם קאָפּ פערדרעהט?

נ ח

שווייגט.

ח י י ם  ה ע ר ש

ער זעצט זיך נעהנטער צו נח׳ן.

נו שוין, איך בין נישט אין כעס, איך וועל מיט דיר רעדען געלאַסען.

ק ר י י ס ע ל

געה פון איהם אַוועק, מיין קינד, ס׳וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויס־

קומען. (מיט טרערען) רבונו של עולם, וואָס וויל מען האָבען פון מיין לעבען? א טאָג רוה זאָל עס זיין.

חיים הערש

קענסט זיצען רוהיג. איך בין נישט אין כעס. זאָג מיר מיט גוטען, מיט שכל: ווער איז דיין טאַטע? דיין מאַמע? ווער ביזטו? און זאָג מיר ווער איז גאָטע דער קברן, זיין טאָכטער און איהר מאַמע?

נ ח

וואָס געהען זיי מיר אָן?

חיים הערש

זיי געהן דיר גאָר נישט אָן? שווער זיך.

נ ח

זיי געהן מיר גאָר נישט אָן.

חיים הערש

און זייער טאָכטער?

נ ח

שווייגט.

חיים הערש

און זייער טאָכטער? איך פרעג דאָך עפּיס ביי דיר.

קרייסעל

שפּעט איבער.

זיין טאָכטער, זיין טאָכטער — ס'איז נישט דיין דאגה.

חיים הערש

צו נח'ן.

ווילסט איך זאָל מיר מתחתן זיין מיט'ן קברן?

נ ח

שווייגט.

חיים הערש

דו ווייסט, אז ער האָט שוין דעם פּלאַץ הינטער'ן מיהל אָבגעקויפט און וועט דאָרט גראָבען א קבר פאַר אונז אַלעמען?

נ ח

ער האָט נאָך נישט געקויפט.

קרייסעל

וואָס אַנ'אמת איז אַנ'אמת.

חיים הערש

דו וועסט חתונה האבען מיט זיין טאכטער און מענשען וועלען מיט די פינגער טייטען : חיים הערש און נאטע — מחותנים... שעהנע מחותנים.

נ ח

ער וועט קיין מיהל נישט בויען.

חיים הערש

ווער האט עס דיר געזאגט ? ער דינגט שוין אין א דארף אנ׳אלטע מיהל. און ער וויל זי אהער איבערפיהרען.

נ ח

אויפגעבראכט.

ווער האט עס דערצעהלט ?

קריימעל

ווישט די טרערען.

געוויס, מיין קינד. ווילען זיי אונז אומגליקליך מאכען.

חיים הערש

הייסט עס אזוי, מיין קינד. צונויף גערעדט זיך דעם טאטען אומ־גליקליך צו מאכען... ער ווייסט גאר נישט. גלייך ווי מען וואלט איהם גאר נישט דערצעהלט. ווער ווייסט, אפשר האט איהר שוין ביידע שותפות געמאכט. וואס דען געהסטו אהין ? קענסט מיר אפשר זאגען ווען מען וועט אהער דאס געהילץ איבערפיהרען ?... וואס קוקסטו מיר אן ? דו פערשטעהסט נישט וואס מען רעדט צו דיר ?

נ ח

איהר פערדרעהט מיר א קאפ. איך וועל איהם געהן פרעגען. (וויל געהן.)

חיים הערש

אין שטוב זאלסטו מיר זיצען ! כ׳וועל שוין אליין מיין שטעדטעל בעשטעהן.

נ ח

אבער ס׳קען דאך נישט געמאלט זיין. ער וועט דאך נישט בויען קיין מיהל. מיר האט ער געזאגט, אז ער וועט נאר א שטוב בויען, ווייל ער וויל נישט האבען זיין דירה אויפ׳ן בית־עולם.

קרייסעל

דורך טרערן.

ס'איז א ליגען. זיי לייקענען פאר דיר, מיין קינד.

נח

וויל איך זיי פרעגען.

חיים הערש

האָסט זיי נישט וואָס צו פרעגען! דיין פוס זאָל אהין מעהר נישט קומען. — הערסט וואָס מען זאָגט צו דיר?!

נח

א גאַנצע נאַכט געהאָרעוועט און איצטער נאַ דיר א פריהמאָרגען...

חיים הערש

מוחל דיינע טובות. איך קען ביי נאַכט אליין זיצען אין מיהל.

חיה

איך טאָהר אויך אהין נישט געהן?

קרייסעל

געה, מען פרעגט נישט ביי דיר. ווילסט דער טאַטע זאָל נעהמען די בייטש.

חיים הערש

שפּעט איבער.

ווילסט דער טאַטע זאָל נעהמען די בייטש... הלואי וואָלט איך טאָג און טאָג געקאַטעוועט מיין בן־יחיד וואָלט איך איצטער צו אזא חרפּה נישט געקומען. (רייסט ארויס דעם מעסער ביי חיה'לען, זי שניצט עפּים, און שלאָגט איהר אָן איבער די הענט.)

נח

קאָנסט נאָך איצטער אויך קאַטעווען. האָסט נאָך נישט פערשפּעטיגט... נאָר מעגסט זיין זיכער אַז איך וועל בעסער נישט ווערען, איך בין דיין זוהן. ווילסט איך זאָל זיין בעסער פון דיר?

חיים הערש

קוקט איהם אָן פערוואונדערט, נעהמט זיך פאר'ן פּאַס...

נח

עס ציטערען טרעהרען אין זיינע ווערטער.

וואָס ווילסטו פון מיר האָבען? וואָס פאר א חרפּות האָב איך דיר אָנגעטהאָן? וואָס כאַפּסטו זיך מיר שלאָגען? איך בין שוין באלד צוואַנציג יאָהר אלט.

קרייסעל

ער איז דען נישט גערעכט ? ביי לייטען א קינד איז א צירונג אין שטוב, און דו ווייסט נישט פון דיין קאפ צו זאגען.

נח

איך וויל נישט זיין קיין צירונג און איך וויל נישט זיין קיין הונד אין שטוב. איך וויל דיך נישט בעגראבען. ווען איך וואלט וויסען אז נאטע וויל דא א מיהל בויען וואלט מיין פוס אהין נישט געקו־מען. אבער מיר הארט עס נישט. זאל ער נאר אראבפיהרען אהער דאס געהילץ וועל איך עס מיט סמאלע אבגיסען און אונטערצינדען.

חיים הערש

און אז ער וועט נישט בויען קיין מיהל, הייסט עס, וועט זיין טאכ־טער זיין מיין שנור ? ! זאג מיר...

קריינע

קומט אן גאר אונערווארטעט.

גוט מארגען.

קרייסעל

מיט פריינדליכקייט ווי צווישען זיי וואלט גאר נישט געווען.

גוט מארגען, גוט יאהר. אזא גאסט. אזוי פריה.

קריינע

זי מערקט דאך, אז אין שטוב הערשט אנ׳אויפרעגונג.

אזא שעהנער פריהמארגען הייגט. באנ׳אייך די מיהל, קיין עין־הרע געגאנגען א גאנצע נאכט.

קרייסעל

צו חיים הערש׳ען.

מיר דאכט אז די שטיינער געהן לעדיג.

נח

וויל ארויסגעהן.

חיים הערש

איך געה אליין ! (אב.)

קריינע

איך בין געקומען צו אייך, קרייסעל לעבען, דאס קינד איז מיר עפיס נישט מיט אלעמען.

קרייסעל

וואס איז איהר פאר א גוטס ?

קריינע

איז אויפגעשטאַנען ווי די ליכטיגע זון און איצטער דאַכט זיך מיר אַז זי האָט היץ.

קרייסעל

בעדאַרפט אָבשפּרעכען אַנ׳עין־הרע.

קריינע

שמייכעלט צו נח׳ן.

כ׳ווייס מיינט איהר ? נח איז היינט געווען ביי אונז. האָט איהר אפשר עפּיס געזאָגט אזעלכעס. טאַטעס זענען נישט קיין מאַמעס. די טאַטעס אַרט נישט פאַר זייערע קינדער.

קרייסעל

ווישט די אויגען.

דאָס זאָג איך דאָך שטענדיג.

קריינע

זי האָט זיך נישט געקלאָגט, חלילה פאַר דיר, נח, אַז זי איז עפּיס נישט מיט אַלעמען ?

נח

איך ?...

קריינע

קוקט אין פענסטער.

איך האָב מורא פאַר חיים הערש׳ן. ס׳קלאַפּט מיר אין הארצען ווי מיט א האמער.

קרייסעל

איהר האָט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר איהם, קריינעשו.

קריינע

גלויבט מיר, ס׳איז נישט מיין שולד, עס שרעקט מיר דאָס הארץ פאַר מיין קינד, חלילה עפּיס אויף איהר איז שוין א סוף צו מיין לעבען. (זי קוקט אָהז ווערטער צו נח׳ן. פלוצלינג צו חיה׳ן) קום אַבי־סעל צו אונז וועט צירלען זיין פרעהליכער.

קרייסעל

דער גוטער יאָהר ווייסט, וואָס איך זאָל אייך זאָגען, קריינע. מיר האָבען זיך קיין מאָהל נישט געקריגט. און, מישטעהנסגעזאָגט, פאַר וואָס זאָלען מיר זיך קריגען ? נאָר איך האָב עס מורא פון מיין מויל ארויסצורעדען. מיין הארץ טהוט מיר וועה. איהר האָט בע־

סער נישט בעדאַרפט קומען אהער. כ'האָב שוין היינט געהאַט אַ פינסטערען פריהמאָרגען. איך וואָלט וועלען אַלץ גוט מאַכען... איך ווייס ניט צו עס וועט העלפען.

קריינע

איך קען אַוועקגעהן. איך וויל נישט אַז מ'זאָל קומען צו אַ מחלוקת. עס שרעקט מיר מיין הארץ פאַר מיין קינד.

קרייסעל

וואָס איז איהר דען אַזעלכעס?

קריינע

איך זעה אין איהר חלילה אזוי קיין בייז נישט. נאָר איין אויג אין קאָפּ... איך וואָלט וועלען, קרייסעל, אַז איהר זאָלט צו מיר אריבערגעהן. נח'ן האָב איך מורא צו פרעגען — אפשר ווייסט ער עפּיס.

קרייסעל

איהר האָט זיך אפשר ביידע צוואָווערטעלט?

נח

*שווייגט.*

קריינע

כאַפּט זיך אַריבער צו מיר, קרייסעל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין — איך וויל איהר זאָלט זיך דורכרעדען מיט מיין מאַן. מיר פאָלגט ער נישט. (וויינט) אַזאַ פינסטערען מזל האָט מען, כ'וואָלט כאָטש וועלען, אַז מיין קינד זאָל די ליכטיגע וועלט האָבען. גאָטעניו, פאַר וואָס קומט עס מיר?

קרייסעל

*וויינענדיג.*

אייער נאָטע האָט זיך אַנגעזעצט אונז אומגליקליך צו מאַכען.

קריינע

וואָס קען איך מאַכען מיט איהם? רעד איך — ענטפערט ער נישט. איך?... מיר איז גוט אַזוי אויך. איך בעדאַרף נישט האָבען קיין נייע גליקען. מעהר נישט ס'איז מיר שוין מיאוס געוואָרען זיצען אויפ'ן בית־עולם. ס'ווילט זיך שוין אויך זיין מיט מענשען צוגלייך. און טאָקי צוליעב מיין קינד.

קרייסעל

איך וועל אפשר בייננאַכט צו אייך אַריבערקומען. איצטער קען איך

נישט. כ'וויל נישט חיים הערש זאָל עם זעהן, ס'איז מיר שוין גע־
נוג פינסטער געוועזן היינט. (בעווייזט אויף נח'ן) ער האָט שוין היינט
אויך זיין חלק געהאַט.

קריינע

אָבער קיין בייז זאָל נישט זיין.

נאָטע

מיט אַ רידעל אין האַנד בעווייזט זיך אין דער אָפענער טיר.

הייסט עס דאָ ביזטו גאָר ?

קריינע

פערלירט זיך.

איך געה שוין אהיים.

קרייסעל

קומט אריין, וואָס שטעהט איהר אין טיר ?

נאָטע

כ'האָב מיין אייגענע שטוב.

קריינע

גאָט איז מיר דיר, נאָטע !

נאָטע

גאָט איז מיט מיר — און איך וויל נישט, דו זאָלסט אהער געהן.

קרייסעל

איך טראָג חלילה אויף אייך קיין כעס נישט. איהר מעגט אריינ־
קומען.

קריינע

איך האָב נאָר געוואָלט בעטען אז קרייסעל זאָל אָבשפּרעכען אַנ'עין־
הרע דעם קינד.

קרייסעל

איך וועל געהן. געוויס וועל איך געהן.

נאָטע

איך בעדאַרף נישט.

קריינע

האָב גאָט אין הארצען.

נאָטע

איך בעדאַרף נישט. מיין קינד וועט אזוי אויך געזונד זיין. און די
האָסט דאָ נישט וואָס צו טאָהן.

**חיים הערש**

בעווייזט זיך אין דער אָפענער טיר, קוקט פערוואונדערט צו נאָטען, ווי איינער זאָגט „וואָס בעדאַרפען זיי דאָ ?" קומט אַריין אין שטוב.

**קריינע**

גערט אַרויס און ציהט פאַר'ן אַרבעל נאָטען.

קום שוין אַהיים. (ציהט איהם אָב פון טיר אַהן ווערטער.)

**חיים הערש**

שפּייט אויס.

פאַר אַלדע שווארץ יאָהר זאָלען זיי גערן! שוין בעצייטענס אַהער מיט אַ רידעל געקומען. וואָס האָבען זיי דאָ געוואָלט ? (קוקט צו די שטוב לייט. בעקומט קיין ענטפער) געקומען מיט אַ רידעל... צו פריה אביסעל...

**נאָטע**

רייסט זיך אין שטוב, ווי צו אַ געשלעג. נאָר קריינע ציהט איהם אַהן ווערטער אַוועק פון טיר.

## דריטעס בילד

בײ נאָטע'ן. נים קיין געווייסטע שטוב. אין הינטערגרונד צוויי פענסטער. רעכטס אַ טיר צו דער גאַס. לינקס אַ טיר אין אַ צווייטען צימער. זומער אַבענד.

נ ח

קוקט אַרײַן דורכ'ן אָפענעם פענסטער. רופט

צירל, צירל... האָסט זיך בעהאַלטען ? דאָס לעצטע מאָל קום איך אהער, געדענק, דאָס לעצטע מאָהל.

צירל

בעווייזט זיך אין טיר לינקס.

בעסער געה אוועק פון דאַנען. דער טאַטע וועט באַלד קומען.

נ ח

זיי וויסען אז דאָס לעצטע מאָהל קום איך צו דיר.

צירל

איך בין נישט שולדיג.

נ ח

ווער דען איז שולדיג ?

צירל

דער טאַטע וועט קומען ; כ'האָב מורא.

נ ח

איך האָב פאַר דיין טאַטען קיין מורא נישט. איך וועל ווארטען ביז באַצקעל וועט אהער קומען.

צירל

גלויב מיר, אז איך האָב איהם פיינט, וואָס קען איך העלפען, אז ער קומט אַהער ? ער האָט דעם טאַטען אָנגערעדט ער זאָל בויען א מיהל, ווייל ער וויל מיר זאָלען זיך ביידע קריגען.

נ ח

דאַריבער וואַרט איך טאַקי ביז ער וועט קומען.

צירל

איך בעט דיר, געה אוועק פון דאַנען.

נ ח

איך וויל זעהן ווי דו וועסט רעדען מיט באַצקעלען ווען ער וועט אַריינקומען.

צירל

איך וועל איהם זאָגען, אז דו שטעהסט הינטער'ן פענסטער.

נח

איך וועל איהם זיין קאָפּ צופּלעטען.

צירל

פון מיינעטוועגען מעגסטו עס טאָהן. מיר הארט עס נישט.

נח

איך געה אריין אין שטוב. (ער וויל אַריין דורכ'ן פענסטער.)

צירל

געה נישט, געה נישט !... דער טאַטע וועט דיר דער'הרג'ענען.

נח

שפּרינגט אַריין.

איצטער זאָל דיין טאַטע קומען, מיין טאַטע קומען — איך וועל פון שטוב נישט ארויסגעהן.

צירל

נח'ל מיין הארץ, איך בעט דיר, זאָלסט אַרויסגעהן. איך האָב דיך ליעב ווי דאָס לעבען, ווי מיין הארץ — איך בעט דיר, געה ארויס. איך וועל אפשר שטארבען פאר שרעק... (זי קוסט איהם) נח, דו וויינסט ? איך בעט דיר, וויין נישט, (עס דערהערען זיך שטימען רעדען אין דרויסען. ער שפּרינגט אַרויס צוריק דורכ'ן פענסטער.)

צירל

בלייבט זיצען בלאַס, דערשראָקען.

כאַצקעל

קומט אַריין.

גוט אבענד.

צירל

גוט אבענד.

כאַצקעל

וואָס רעדסטו אזוי שטיל ?

צירל

קערט אָב דאָס געזיכט פון איהם.

כאַצקעל

ווילסט מיט מיר נישט רעדען ? איז נישט. ביזט אויף מיר אין

כעס וואָס איך וויל מאַכען דיין טאַטען פאַר אוים קרבן? אז דו זאָלסט מעהר נישט וואוינען אויפ'ן בית עולם?

צירל

כ'בין אייך מוחל די טובה.

כאַצקעל

ווערסט נאָך זעהן וואָס היינט וועט דאָ זיין.

צירל

וואָס?!

כאַצקעל

וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען? כ'מיין גאָר ניט. היינט ביי־נאַכט און אפשר נאָך באַלד וועט מען דאָס געהילץ ברענגען, די פוהרען קומען באַלד אָן.

צירל

ס'אליגען!

כאַצקעל

אָ־אָ; מען טאָהר גאָר מיט דיר ניט רעדען. ס'איז דאָך פאַר דיין טאַטען; פאַר דיר.

צירל

איך בעדאַרף גאָר נישט.

כאַצקעל

דרייסיג פוהרען וועלען אָנקומען. מען וועט נאָך היינט דאָס גאַנצע געהילץ ברענגען.

צירל

כ'האָב אייך פיינד.

כאַצקעל

איך האָב דאָס גאַנצע געלד אויסגעלעגט. דיין טאַטע פערמאָגט גאָר ניט אזוי פיעל. און, אַז מען וועט בעדאַרפען בויען וועל איך איהם ווידער העלפען.

צירל

איך וויל פון דעם נישט וויסען.

כאַצקעל

שמייכעלט.

איך וועל פאַר אונז אויך בויען אַ שטוב.

צירל

פאר ווענען ?

כאצקעל

פאר צירלען מיט כאצקלען.

צירל

איך וועל ביז יענער צייט נישט דערלעבען.

כאצקעל

וועסט שוין יאָ דערלעבען.

צירל

וואָס זענט איהר געקומען אהער ? ! מיין טאַטע איז אויפ'ן בית־עולם געהט זיך צו איהם.

קריינע

קומט אריין.

כאצקעל

גוט נאָבענד, קריינע.

קריינע

א גאסט ; א גאסט.

כאצקעל

מען זעהט שוין אפשר די פוהרען ?

קריינע

טאַקי נאָך היינט וועט דאָס געהילץ אָנקומען ?

כאצקעל

איך בין אפשר אין צעהן דערפער אויסגעווען ביז איך האָב אַזוי פיעל פוהרען צונויפגענומען.

קריינע

מען זאָגט, אז חיים הערש האָט געדונגען גוים זיי זאָלען נישט לאָזען דאָס געהילץ אראָבווארפען.

כאצקעל

דאָס וועלען מיר שוין זעהן, און וואָס וועלען מיינע גוים אויף דעם ענטפערען ?

קריינע

מיט וואָס וועלען מיר עס אייך קענען אָבדאנקען ?

כאצקעל

איך וועל מיר שוין אליין דאנקען. זעהט בעסער, אז צירל זאָל מיט

מיר ווע‎לען רעדען. איך רעד צו איהר און זי ענטפערט מיר ניט.

קריינע

וואָס האָט זי דען צו אייך?

כאַצקעל

אפשר לאַכט זי עם נאַר.

צירל

געהט אַרוים אין צווייטען צימער גאַר ניט זאָגענדיג.

כאַצקעל

עפּים איז זי ברוגז אויף מיר. איך דערצעהל איהר, אז היינט בע־דאַרף אָנקומען דאָס גאַנצע געהילץ, זאָגט זי... כ'וויים וואָס זי זאָגט — יא, וואו איז נאָטע?

קריינע

ער וועט באַלד, מסתמא, אריינקומען. (הינטער'ן פענסטער הערט זיך אַ גערויש ווי אַ פוהר וואָלט אָבגעפאָהרען.)

כאַצקעל

איילט צום פענסטער.

אימעצער האָט מיין פערד און וואָגען צוגענומען. טפּרולל... טפּרולל!
(לויפט אַרוים.)

קריינע

קוקט אין פענסטער.

צירל

קומט שנעל אַריין דורך דער גאַס טיר.

קריינע

פון וואַנען קומסטו? ביזט דאָך גאָר אין דער אַנדערער שטוב געוועזן?

צירל

זאָל ער געהן פון דאַנען!

קריינע

אימיצער האָט זיין פערד און וואָגען צוגענומען.

צירל

דאָס האָב איך דעם פערד פון שטוב אַוועקגעטריבען.

קריינע

ווי פאַלסטו עס אוים צו טאָהן מיין קינד?

צירל

זאָל ער אהער נישט קומען.

קריינע

ער וויל דאָך אונז גליקליך מאַכען. דעם טאַטען מאַכען אויס קברן.

צירל

זאָל ער צו מיר נישט לאַכען. איך האָב איהם פיינד. ער זאָגט, אז איך בין זיין כלה און איך וויל עס נישט הערען פון איהם.

קריינע

אזא פיינער מענש.

צירל

איך וויל איהם נישט קענען.

קריינע

דער טאַטע האָט איהם שוין צוגעזאָגט.

צירל

האָט ער איהם צוגעזאָגט, און איך... וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר ?

קריינע

שריי נאָר נישט אזוי.

כאַצקעל

קומט אריין.

אנ'איינפאַל אביסעל ; אימעצער האָט דעם פערד אָבגעבונדען און אוועקגעטריבען פון דאַנען. איך קען שווערען, אז דאָס איז געווען א גנב. (קוקט פערדעכטיג צו צירלען) דו האָסט עס געטאָהן ?

צירל

יא, איך האָב עס געטאָהן.

כאַצקעל

אבי איך האָב זיך דערשראָקען.

קריינע

הערט זי נישט וואָס זי רעדט.

צירל

גיפטיג.

איך, איך האָב אָבגעבונדען ; איך וויל נישט, אז אייער פוהר זאָל שטעהן הינטער אונזער פענסטער.

כאַצקעל

ווילסט זיך מיט מיר קריגען ? גוט, איך וועל צו דיר ניט רעדען.

קריינע

צו צירלען.

וואָס איז טאַקי היינט מיט דיר ?

צירל

געהט אַרויס אין צווייטען צימער.

כאַצקעל

דורכ'ן פענסטער האָט זי געמוזט פריהער אַרויס אויף דער גאַס. אפשר געהט זי עס ווידער טאָהן (ער קוקט אין פענסטער.)

קריינע

דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס מיט איהר איז געוואָרען די לעצטע צייט. איך האָב פון איהר קיין מאָהל אַזעלכע ווערטער נישט געהערט.

כאַצקעל

איך ווייס ווער ס'איז אין דעם שולדיג.

קריינע

וואָס טשעפּעט ער זיך, ווייס איך נישט ?

כאַצקעל

איך וועל זיך נאָך אָברעכענען מיט איהם. (קוקט אין פענסטער) זי איז ניטאָ.

צירל

קומט אַריין.

מיט וועמען וועט איהר זיך אָברעכענען ?

קריינע

מיין קינד, דער טאַטע זאָל חלילה נישט דערהערען וואָס דאָ קומט פאָר. ער וועט אַזעלכע ווערטער דערהערען...

צירל

איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. איך ווייס פאַר וואָס ער איז אַזאַ גוטער געוואָרען צו אונז. אָבער עס וועט קיין מאָהל נישט זיין. איך בין נישט קיין קליין קינד.

כאַצקעל

מען קען טאַקי מיינען, אַז איך בין איינגעליעבט אין אייער טאָכטער. — וואָס זאָגט איהר, קריינע ?

קריינע

איך זאָג, אַז ביי איהר וועט מען נישט פרעגען.

צירל

מען וועט שוין יאָ פרעגען ביי מיר.

קריינע

וואָס איז עס פאַר אַ רייד ?!

צירל

נו, וועל איך נישט רעדען, אָבער...

נאָטע

קומט אַריין פערהאָרעוועט.

גוט נאָבענד. אַזוי איז מען דעם גאַנצען טאָג פעריאָגט. דער שוואַרץ יאָהר ווייסט פאַר וואָס און פאַר ווען.

כאַצקעל

באַלד קומען אָן די פיהרען.

נאָטע

אַלץ מיט אַ מאָהל ?

כאַצקעל

אַפילו די שטיינער וועלען אויך היינט אָנקומען ; צו צוויי פּאָר אָקסען שלעפּען יעדען שטיין.

נאָטע

אַ בעלנות געווען. (צופרידען, צו קריינען.) דערלאַנג עפּיס צום טיש, זאָל מען נעהמען אין מויל אַריין. און דו, צירל, וואָס זיצטו עפּיס אַזוי אַ ברוגז׳ע ?

קריינע

דערלאַנגט צום טיש משקה און פערבייסען.

דער קאָפּ טהוט איהר וועה.

נאָטע

האָסט נאָך כאַצקעל מיינע משקה ניט געטרונקען. לחיים ! גאָט זאָל געבען, אַז אין קורצען זאָל איך פּטור ווערען פון מיין פּרנסה דאָ אויפ׳ן בית עולם.

קריינע

ס׳איז שוין טאַקי צייט.

כאַצקעל

לחיים, רב נאָטע, זאָל גאָט געבען, אַז אין דער מיהל זאָלען זיך רענדלאַך מאָהלען. די מיהל איז אַ מציאה. — אוי — ס׳איז שטאַרק.

נאָטע

פערבייס, פערבייס ; ס׳איז איינגענער לעקאַך.

קריינע

איהר מעגט עס פערזוכען.

נאָטע

קום אהער, צירל, נעהם עפּיס פון טיש.

צירל

איך וויל נישט.

כאצקעל

זי איז אויף מיר ברוגז.

נאָטע

וועט שלום ווערען. ברענג נאָך אריין קריינע טרוקענע קעז.

קריינע

געה, צירעלע, וועסט ברענגען פון אַלמער.

צירל

איך וויל נישט געהן.

נאָטע

וואָס איז דאָס ?

קריינע

דו נאַרישע מויד, ווער האָט דיר איינגערעדט, אז מען טאָהר נישט טרינקען די מילך פון אונזער ציג ?

נאָטע

וואָס געשעהן, א נייס ?

קריינע

וויל נישט טרינקען די מילך פון דעם ציג, ווייל זי פּאשעט זיך אויפ'ן בית־עולם.

נאָטע

לאַכט.

כ'האָב פיינד אזעלכע איינרעדענישען. איך וואוין שוין דאָ א שען ביסעל מיט יאָהרען און ס'האָט נאָך נישט געטראָפען, אז אימעצער זאָל צוריק פון דער ערד ארויסקריכען. כאַ־כאַ, וואָס די ערד נעהמט צו איז פערפאלען. אזוי גאָר, מיין טאָכטער, אויסגעוואַקסען אויפ'ן בית עולם און האָסט מורא פאַר מתים.

קריינע

מען טאָהר פון מויל נישט ארויסרעדען. איך וויים, מיינסטו ?

נאַטע

שווייג, דו נאַר... לחיים! דעם ערשטען ברויט וועל איך אין מיין מיהל מאַהלען פאַר זיך, ווי דו זעהסט מיך לעבען. זאָל נאַר גאָט געבען קיין ווינד זאָל נישט פעלען.

טודרוס

קומט אַריין מיט אַ רידעל.

אַ גוטער אַבענד.

קריינע

שטענדיג שלעפּט איהר די רידליעס אין שטוב אַריין.

טודרוס

מען קען זיי נאָך צו'גנב'ענען.

כאצקעל

קומט, טודרוס, לאָמיר אויסטרינקען לחיים.

טודרוס

וואָס קען עס שאַדען? אַ שענע נאַכט הייַנט... טאַמער, נאַטע, וואָלסטו איבערשמועס'ן זיי זאָלען געבען צושטייער דעם צוים צו פעררירכטען. ס'איז קיין פּלאַן נישט אַזוי, אַלע טאָג דעם פּאַרקאַן רק לאַטען. אַ שטאָדט זאָל זיין אַזוי קאַרג... לחיים, זאָל גאָט געבען... מען האָט בעדאַרפט מיט זיי איבעררעדען.

נאַטע

האָב זיי... לחיים!... נישט לאַנג וועט נאָך אויסקומען צו עסק'ן זיך מיט מתים.

קריינע

ווער ווייסט אויב ס'וועט זיין בעסער?

נאַטע

ס'וועט שוין זיין בעסער — לחיים.

חיים הערש, קרייסעל

קומען אַריין.

קריינע

געסט, געסט.

טודרוס

איידער מען הייבט זיך אָן צוקריגען, גיב מיר, חיים הערש, אַ שמעק טאַבאַק. (בעקומט עס.)

ק ר י י ס ע ל

מיר זענען זיך נישט געקומען קריגען, פערקעהרט, מיר זענען גע־קומען אויסמיידען א קריג.

נ אָ ט ע

נו, וואָס ווערסטו זאָגען גוטס, חיים הערש ? ווערסט אפשר נעהמען א טרונק בראָנפען ?

ח י י ם  ה ע ר ש

איך בין דיר געקומען זאָגען, אז עס וועט ווייט פערגעהן.

נ אָ ט ע

נו, וועלען מיר זיך גרייטען ; ביזט עס מיר געקומען זאָגען ?

ח י י ם  ה ע ר ש

יא, איך בין עס דיר געקומען זאָגען.

נ אָ ט ע

האָסט עס נישט בעדאַרפט. ווארום איך האָב מיר מיין שכל. און, אז איך וויל ווערען אוים קברן קען עס מיר אפילו גאָט אליין נישט פערווערען.

ק ר י י ס ע ל

אדרבה, זאָל אייך גאָט העלפען.

ח י י ם  ה ע ר ש

דאָס איז דיר דיינע א זאַך. און, אז דו ווילסט מיר אונטערגראָבען מיין חיונה, נאָך דעם ווי איך האָב עס מיט אלע כחות אויפגע־ארבעט, זאָג איך, אז איך וועל נישט לאָזען.

נ אָ ט ע

נישט לאָזען, איז נישט לאָזען.

כ א צ ק ע ל

מען קען קיינעם נישט פערווערען.

ח י י ם  ה ע ר ש

ביי אזא שנעק פרעגט מען נישט !

ט ו ד ר ו ס

איך האָב אויך דאָס אייגענע געזאָגט ; מען בעדאַרף נישט לאָזען א זיבערע פרנסה און מאַכען שותפות מיט'ן ווינד.

ק ר י י נ ע

ווארום ער איז נישט גערעכט ?

נ אָ ט ע

גרויסע קעפּ מענשען ; פארשטעהט א סך מיט נאָך.

ק ר י י ס ע ל

גענוג געזונד האָט עס מיר געקאָסט ביז איך האָב ביי איהם גע־פועל׳ט ער זאָל געהן מיט מיר אהער.

נ אָ ט ע

וואָס ווילט איהר פון מיר ? !

ח י י ם ה ע ר ש

גאָר נישט !

נ אָ ט ע

גאָר נישט איז — גאָר נישט.

ק ר י י נ ע

אדרבה זעצט אייך, זאָל מען זיך אויסריידען.

נ אָ ט ע

נישטאָ פון וואָס צו רעדען ; איך וועל ביי איהם קיין ווינד נישט צונעהמען.

ח י י ם ה ע ר ש

אָבער מיין חיונה וועסטו צונעהמען !

כ א צ ק ע ל

קיין פשרות, רב נאָטע, איך האָב אין דעם א פערמעגען אריינגעלעגט.

נ ח

בעוויייזט זיך אין דער אָפענער טיר.

ביז ער וועט פון דאָרט נישט ארויסגעהן וועט מען צו קיין טאָלק נישט קומען.

כ א צ ק ע ל

מיך מיינסטו ?

נ ח

געה פאַר אַלדע שווארץ יאָהר !

נ אָ ט ע

געה, דו, פאַר אַלדע שווארץ יאָהר.

ח י י ם ה ע ר ש

וואָס האָט מען מיר אהער געבראכט ? שלאָגען זיך קען איך אויף דער גאַס.

קריינע

חיים הערש, זייט נישט קיין קינד. און דו, נח, איך וואָלט עס גאָר קיין מאָהל נישט געגלויבט אויף דיר.

חיים הערש

ער איז גערעכט.

נח

ביז ער וועט פון שטוב נישט ארויסגעהן וועל איך נישט אריינגעהן.

נאָטע

פון זיין פלאַץ.

געה פאר אַלדע שווארץ יאָהר ; אימעצער האָט געשיקט נאָך דיר ?

קריינע

צו נאָטען.

נישט אַנדערש דו האָסט זיך אָנגע'שכור'ט. וואָס ווילסטו פון מיין לעבען ? רעדט זיך דורך ווי מענשען, וואָס האָט זיך אזעלכעס אָנגעצונדען אין אייערע מחות, וואָס נאָר קריגען זיך ?

טודרוס

בע, בע — נו, מאך קיין אָנשטעל נישט, חיים הערש, זעץ זיך, גיב אהער קריינע א בענקעל זאָל ער זיך זעצען. אָט אזוי... און דו שנעק שטעה נישט אין טיר און בונטעווע נישט. קום אריין זאָל מען זיך דורכרערען.

נאָטע

איך האָב נישט וואָס צו רעדען, טאַטע.

חיים הערש

איך האָב אויך נישט וואָס צו רעדען.

נח

קום טאַטע א היים ; מיר וועלען זיך שוין אליין אַנ'עצה געבען.

טודרוס

שוויינ, דו שנעק. אַנ'עלטערער מענש הייסט דיר שווייגען ! און דו, חיים הערש, מאך זיך נישט נאַריש. ער האָט פריהער אַנ'איבריג ביסעל בראָנפען גענומען, אָבער דו ביזט דאָך ניכטערען.

נאָטע

איך בעט דיר טאַטע מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטען.

טודרוס

אויב ס'איז פרעמדע עסקים, וועל איך שווייגען.

קרייסעל

ס׳איז אַלץ איינס רב טודרוס; איך בעט אייך פאָלגט איהם נישט.

נח

ציוגט צו כּאַצקלען.

ביז ער וועט נישט ארויסגעהן וועט קיין טאָלק נישט זיין.

קרייסעל

ער זיצט דיר אויפ׳ן קאָפּ?

נח

יא, ער זיצט מיר אויפ׳ן קאָפּ.

קרייסעל

קענסטו געהן אהיים אויב דו ווילסט.

קריינע

זי זעצט מיט געוואַלד אַנידער חיים הערש׳ן.

נו, וואָס שווייגט איהר?

נאָטע

כ׳האָב נישט וואָס צו רעדען.

קריינע

אויס טרערען.

פאַר וואָס זענען מיר שונאים געוואָרען? צוואנציג יאָהר אָבגע־לעבט אין פרידען און מיט אַמאָהל זענען מיר שונאים געוואָרען.

נאָטע

מסתמא האָט עס בעדאַרפט אזוי זיין.

טודרוס

רעדט זיך דורך ווי מענשען.

קריינע

קום, נח, אריין. שטעה נישט אין טיר.

נח

איך קען דאָרט אויך בעשטעהן.

נאָטע

אז מען בעדאַרף ווערען שונאים — ווערט מען. אזוי בעדאַרף עס זיין. איהר זענט אַנגעקומען אהער און איך בין דאָ אויפ׳ן בית־עולם געבוירען געוואָרען.

חיים הערש

דו האָסט אַ גרינגערע פרנסה פון מיר.

נאָטע

איך קען זיך בייטען מיט דיר אויב דו ווילסט.

חיים הערש

מוחל... איך ציה די אָדערען ביז איך פערדין דאָס שטיקעל ברויט. איך בעדאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען. מיין שטיקעל ברויט קאָסט מיר געננוג פּראָצענט און איך וועל נישט לאָזען אַז אימעצער זאָל עס מיר פון מויל אַרויסרייסען. (קלאַפּט מיט'ן פויסט אָן טיש) איך וועל נישט לאָזען מען זאָל מיר מיין ביסען ברויט פון מויל אַרויס־רייסען!

קרייסעל

היץ זיך נישט אזוי; מען קען דאָך רעדען ווי מענשען.

נאָטע

און איך זאָג, אַז כ'וועל ביי קיינעם קיין ברויט נישט פערנעהמען. מיר איז נמאס געוואָרען צו זיצען אויפ'ן בית־עולם און אויסקוקען שטאָטישע מתים. איך האָב אַ דערוואַקסען קינד, איך וויל פון דאַ־נען אַרויסציהען און קיינער קען מיר נישט פערווערען.

חיים הערש

טאָ קויף דיר אַנ'אַנדער פּלאַץ. דאָ האָב איך שוין מיין שפּע איינ־געצוויגען און דו וועסט עס מיר אונטערשלאָגען.

קרייסעל

ווארום ער איז דען נישט גערעכט?

טודרוס

ווען דיין טאַטע וואָלט איצטער געלעבט וואָלט עפּיס אַנדערש דער־וויזען געוואָרען.

נח

וואָס דערצעהלט איהר מעשיות פון אַמאָהל? ווען כאַצקעל וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט וואָלט זיי קיין מאָהל נישט איינגעפאַלען מילנער צו ווערען.

כאצקעל

נאַרישקייטען. עס וועט שוין גאָר נישט העלפען. איך האָב אין דעם אַ פּערמעגען אַריינגעלעגט. און איהר, נאָטע, זייט קיין קינד נישט; לאָזט זיך גאָר נישט איינרעדען.

חיים הערש

שטעהט אויף.

איך האָב דאָ נישט וואָס צו זיצען.

קריינע

איהר בעדארפט זיך ניט אזוי רעכענען. גאָט האָט פאַר אַלעמען געגוג.

קרייסעל

צרות האָט ער גענוג פאַר אַלעמען. ווען איהר קריינעשו וואָלט ווי־סען וואָס פאַר א צרות מיר נעהמען זיך אויף אונזערע קעפּ. עס וועט נאָר דערפון אַנ'אייביגע שנאה ארויסקומען. ס'וועט שוין קיין יום־כפור אויך אפילו נישט העלפען, איך בעט אייך נאָך אמאָהל זייט זיך מישב.

נאָטע

איך האָב זיך שוין מישב געוועזן.

חיים הערש

נישטאָ וואָס צו מאַכען.

נח

ציהט דעם פאָטער אַהיים.

קום, טאַטע, א היים. קום דו מאַמע אויך א היים. אז זיי ווע־לען בעדאַרפען וועלען זיי שוין צו אונז טרעפען.

נאָטע

וועסט שוין וואַרטען ביז איך וועל קומען צו דיר.

חיים הערש

וויל אַרויסגעהן.

קריינע

שטעלט זיך אין טיר.

זאָל איך שלעכץ האָבען אויב איך וועל אייך ארויסלאָזען.

טודרוס

אפשר זאָל מען עס בויען בשותפות?

נאָטע

פאַר מיינע הענד בעדאַרף איך קיין שותפים נישט.

חיים הערש

זאָלען זיי בויען! (ער שפּאַרט זיך אַרויס אויף דער גאַס. נאָך איהם נח.)

קרייסעל

וואָס איז עס פאַר אַנ'אָנשיקעניש אויף אונזערע קעפּ? וועט עס גאָר דער וואָס אין הימעל מיינע יסורים נישט אָנזעהן? (געהט אַרויס.)

ק ר י י נ ע
שרייט איהר נאָך.
געהט נאָך נישט אוועק, קרייסעל!
נ אָ ט ע
זאָלען זיי געהן פאַר אלדע שווארץ יאָהר.
ק ר י י ס ע ל
בייס זיך אָב די צונג!
כ א צ ק ע ל
זאָלען זיי נישט שרעקען די גענז. אויך מיר א מענש. ער וועט נישט לאָזען. מען וועט שוין א סך פרעגען ביי איהם. כ'וועל געהן זעהן צי די פוהרען געהען נישט...
נ אָ ט ע
היט זיך דאָרט, אימעצער זאָל אייך, חלילה, נישט שלאָגען.
כ א צ ק ע ל
איך האָב שוין קיין מורא נישט. זאָלען זיי... (געהט ארויס.)
ק ר י י נ ע
בעטראַכט זיך, נאָטע, וואָס מען געהט איצטער טאָהן. וואָס פעלט אונז דען דאָ?
נ אָ ט ע
איך וויל מעהר נישט זיין קיין קברן!
ק ר י י נ ע
צונעהמען ביי א מענשען די פרנסה...
נ אָ ט ע
איך נעהם ביי קיינעם נישט.
ק ר י י נ ע
איך האָב דעם גאַנצען כאצקלען נישט ליעב.
נ אָ ט ע
דאָס האָט נישט צו דיר און נישט צו איהם. איך וועל איהם בעצאָה־לען דאָס וואָס ער האָט אויסגעלעגט און ער וועט מיר דאָ קיין גרוי־סע דעה נישט זאָגען.
ק ר י י נ ע
ער מיינט צום בעצאָהלען נאָך עפּיס צו האָבען.
נ אָ ט ע
טאָ וואָס זאָרגסטו? האָסט א בעסערען שידוך פאַר דיין טאָכטער?

ק ר י י נ ע

איך וויל אָבער נישט, אַז ס'זאָל זיך צופלאַקערען אַ פייער. ס'איז גלייכער פריהער איידער שפעטער... (אַ גערויש אין דרויסען פון אָנקומענדע פוהרען.)

אַ ש ט י מ ע

הינטערן פענסטער רופט.

כאַצקעל! כאַצקעל!

נ אָ ט ע

די פוהרען זענען שוין אָנגעקומען.

ק ר י י נ ע

כ'האָב מורא אַז צרות נעהמען מיר זיך אויפ'ן קאָפּ.

נ אָ ט ע

זיי נישט קיין אידענע.

צ י ר ל

גנב'עט זיך אַרויס פון שטוב.

כ אַ צ ק ע ל

אין טיר.

קומט אַרויס, נאָטע; קומט איהר אויך, רב טודרוס. די פוהרען זענען אָנגעקומען. וואו וועט מען עס וואַרפען?

נ אָ ט ע

אויף מיין פּלאַץ. אפילו די וועלט מעג זיך איבערקערען. איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

ק ר י י נ ע

טאָמער חלילה וועלען זיי זיך אָנהייבען.

כ אַ צ ק ע ל

איך האָב אָבגערעדט מיט די פויערים. מען וועט אַראָבוואַרפען און גאָר נישט. און אויב עס וועט קומען צו אַ געשלעג... איך האָב זיי צוגעזאָגט בראָנפען. ס'וועט שוין רעכט זיין.

ק ר י י נ ע

איהר האָט אָנגעקוקט חיים הערשען? ווי אַ גזלן אַזוי האָט ער אויסגעזעהן... (פּלוצלינג) וואו איז דאָס קינד? צירל, וואו ביזטו?

נ אָ ט ע

איז דאָך נאָר וואָס געווען אין שטוב.

טודרוס

געהט אַרויס.

א שטימע

דרויסען.

כאַצקעל! כאַצקעל!

נאָטע

מען געהט, מען געהט! וואַרט כאַצקעל איך געה אליין וועל איך ווייזען וואו דאָס געהילץ אַראָבצוואַרפען.

קריינע

זאָלט איהר מיר לעבען, וואו איז צירל?

נאָטע

וואָס האָסטו זיך דערשראָקען? איז מסתמא ארויסגעגאַנגען.

כאַצקעל

איך געה אַליין... (אָב.)

קריינע

וויינט.

מוחל, מוחל... בעסער וואָלסטו זיך גאָר ניט אָנגעהויבען. ברענגען אַנ'אומגליק אויף אונזער שטוב... די קינדער האָבען זיך ליעב.

נאָטע

וואָס האָסטו געזאָגט? !

קריינע

דאָס וואָס דו הערסט.

נאָטע

אַזאַ גאָרנישט וועט מיר שוין אויך זאָגען אַ דעה? איך וועל עס ארויסשלאָגען פון איהר קאָפּ.

קריינע

זי איז שוין קיין קליין קינד נישט.

נאָטע

זוכט אין צווייטען צימער.

וואו איז זי? איך וועל איהר די ביינער צוברעכען... איהר גליק וואָס זי האָט זיך ערגעץ אויסבעהאַלטען. (דרויסען אַ געשריי.)

קריינע

גאָט מיין גאָט, וואָס איז דאָרט? אַ געשלעג האָט זיך שוין אָנגעהויבען.

נ אַ ט ע

לויפט אַרויס.

ק ר י י נ ע

קוקט אין פענסטער.

וואָס איז דאָ אַזעלכעס ?... צירעלע, מיין לעבען, וואו ביזטו ?

ט ו ד ר ו ס

קומט אַריין.

אַזאַ יונגאַטש קען... אַט דער נח.

ק ר י י נ ע

וואָס איז געשעהן ? האָט איהר דאָס קינד נישט געזעהן דרויסען ?

ט ו ד ר ו ס

דער גוטער יאָהר ווייסט איהר דאָרט. אַזאַ יונגאַטש. האָט איהם געגעבען מיט אַ דראָנג איבער'ן פּלייצע.

ק ר י י נ ע

ווע מען ? וואָס רעדט איהר ? !

ט ו ד ר ו ס

נח האָט כאַצקלען דערלאַנגט.

צ י ר ל

רייסט זיך אַריין אין שטוב אַ צושראָקענע.

מאַמע !...

ק ר י י נ ע

וואו ביזטו געווען, קינד מיינס ? זעה ווי דו ביזט צושראָקען...

צ י ר ל

איך האָב זיך דערשראָקען...

נ אַ ט ע

לויפט אַריין.

אַט איז זי... איך וועל דיר געבען, דו וועסט מיר אַליין אומקריכען!... (וויל איהר שלאָגען.)

ק ר י י נ ע

בעשיצט איהר.

אָוועק משוגע'נער. ס'וועט דיר מעהר נישט פעלען טאָמער טהוסטו איהר אַ ריהר. (דרויסען אַ געשריי.)

נ אַ ט ע

כאַפּט אַ רידעל און וויל אַרויסגעהן.

קריינע

לאָז דעם רידעל אין שטוב. מיין קינד, לאָז איהם נישט געהן מיט'ן רידעל.

נאָטע

רייסט זיך אַרויס אויף דער גאַס.

קריינע

צו טודרוס'ן, וואָס קוקט אָנגעשטרענגט אין פענסטער.

געהט איהר שווער אויף אַרויס. לאָזט ניט, אז ס'זאָל קומען צו א געשלעג. בלייב דאָ, מיין קינד, איך וועל אליין געהן. וועה איז מיר, ווינד איז מיר ! וואָס האָט מען געוואָלט האָבען פון מיין לעבען ?... (די קולות אין דרויסען ווערען שטאַרקער.)

כאַצקעל

לויפט אַריין.

גיט מיר א האַק ! איך וועל איהם זיין קאָפּ צושפּאַלען. (זוכט.)

קריינע

וואָס טהוט איהר ? קומט בעסער לאָמיר זיי פונאַנדער נעהמען. וואָס ווילט איהר טאָהן מיט א האַק ?

כאַצקעל

נישט געפינענדיג, לויפט אַרויס.

קריינע

קוקט אין פענסטער.

וועה איז מיר, ווינד איז מיר... די גוים שלאָגען זיך. עס פליהען שטיינער ווי קאַרטאָפעל. אוי וועה איז מיר, די גוים הרגנען זיך...

קרייסעל

לויפט אַריין.

וואָס זיצט איהר קריינע אין שטוב ? לאָמיר לויפען זיי צונעהמען. מען וועט זיך נאָך חלילה צום טויט פערהרג'נען. אפשר פופציג גוים האָבען זיך צובונטעוועט. ער האָט זיי אָנגעשיכורט, אַז מיר אַרט נישט. זאָל מען בויען, זאָל מען...

נח

הינטערן פענסטער.

מאַמע, קום אַרויס פון דאָרטען !

קריינע

קום אַריין נח'ל ; קום אַריין אין שטוב.

קרייסעל

קום אריין, מיין קינד.

צירל

נה, קום אריין אין שטוב!

קריינע

רוף דעם טאטען אהער.

קרייסעל

ער איז אנטלאפען געווארען... קומט קריינעשו, מיין גאלד, לאמיר זיי מיט געוואלד ארייננעהמען. קומט, זאלט איהר מיר געזונד זיין.

קריינע

איך געה, איך געה.

קרייסעל

קום דו, צירל, אויך מיט אונז. וועסט וויינען פאר דיין טאטען, וועסט קלאגען. ער וועט פאלגען, ווארום איך וועל עס נישט אויס־האלטען. (דרויסען א ליארם.)

קריינע

קומט גיכער לאמיר זיי נישט דערלאזען... צירל וועט זיין אין שטוב (לויפעןביידע ארויס.)

צירל

בלייבט אליין. לויפט א צושראקענע צו די פענסטער.

דאבע

קומט אריין. בלייבט נעבען טיר.

מען שרייט אויף דער גאס. מען וועקט מיינע קינדער אויף. (דרויסען שרייט מען נאך שטארקער) מיינע קינדער! מיינע קינדער... מען וועט זיי נאך מיט שטיינער דער׳הרג׳ענען...

צירל

געה ארויס פון דאנען, איך האב מורא פאר דיר.

דאבע

מען וועקט מיינע קינדער אויף. זיי וועלען מיר נישט לאזען א גאנ־צע נאכט שלאפען.

צירל

געה ארויס פון דאנען.

דאבע

הערט זיך צו.

מיינע קינדער וויינען. אלע האבען זיך שוין אויפגעכאפט.

**צירל**

שרייט.

מאַמע! מאַמע! קום אַריין אין שטוב!

**דאָבע**

אָ... מיינע קינדער... (דרויסען הערט זיך אַ געשריי, זי לויפט אַרויס.)

**קריינע**

שלעפּט מיט געוואַלד נאָטען פאַר אַ פּאָלע. וויינט.

שוין. מאַך אַ סוף פון מיין לעבען, וואָס ווילסטו נאָך, נעהם און גראָב אויס אַ קבר און וואַרף אַריין דיין ווייב מיט דיין קינד און אַ סוף מיט אַנעק זאָל עס נעהמען.

**נאָטע**

איך וועל טאָהן וואָס כ׳וועל וועלען.

**קריינע**

דו וועסט טאָהן וואָס דו וועסט וועלען, אָבער איצטער זייַ אין שטוב.

**נאָטע**

וויל אַרויסגעהן.

**קריינע**

איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָהן. לאָז איהם נישט געהן מיין קינד.

**טודרוס**

קומט אַריין.

אַנ׳איינפאַל אביסעל. צובונטעווען גוים זיי זאָלען זיך שלאָגען. בע־בע, וועמעס ארבייט איז עס געווען? אויב כאַצקעל האָט עס געטאָהן — האָב איך פיינד אַזעלכע מלאכות.

**קריינע**

בעסער, שווער, לאָזט איהם נישט אַרויסגעהן אויף דער גאַס.

**נאָטע**

האָב קיין מורא נישט. איך בעדאַרף די קריגערייען נישט האָבען. אויף מיין פּלאַץ קען איך טאָהן וואָס איך וויל... (מיט׳ן פינגער צו צירלען) און דו וועסט זיך חבר׳ן מיט מיין זוהן — איך וועל פון דיר דיין פּעל אַראָבשינדען. דו האָסט געהייסען דערלאַנגען כאַצקלען מיט אַ דראָנג?!

**צירל**

איך חבר זיך נישט.

טודרוס

וואס אנ׳אמת איז אנ׳אמת, דער בחור געפעלט מיר.

נאטע

ווערט ער די כפּרה מיט זיין טאטען.

טודרוס

ס׳איז אנ׳עולה, נאטע.

נאטע

ס׳איז מיינע דאגות. (נעהמט צירל׳ען פאר׳ן האנד) דו חצופה, דו וועסט נאך העזה האבען קריכען דעם טאטען אין וועג אריין ? וואס האסטו אזעלכעס געזאגט כאצקלען ?

צירל

וואס כ׳האב איהם געזאגט ?

נאטע

יא, וואס האסטו אזעלכעס געזאגט... וואס וויינסטו ? וואס קלאגסטו ? ס׳איז נאך פון דער ערד נישט אויסגעוואקסען און...

טודרוס

לאז איהר אב. זי פערשטעהט גאר נישט, זי ווייסט גארנישט. איך האב איהם אויך נישט פיינד. א בריה א בחור.

נאטע

וועמען מיינסטו ?

טודרוס

איך מיין וועמען איך מיין. מאך קיין אנשטעל נישט.

קריינע

ער נעהמט נאך דערוויילע נישט דיין טאכטער.

נאטע

איז נישט. וועל איך מיר טאקי אוועקזעצען קלאגען.

צירל

ער איז א גרויסער בעריהמער ; א ליגנער.

נאטע

מען פרעגט נישט ביי דיר.

צירל

ער האט זיך פאר מיר בעריהמט, אז ער וועט דיר פאר א גביר מאכען.

נאָטע

איך קען אליין מיין שטעדטיל בעשטעהן !

קריינע

אפשר קען מען זיך נאָך איצטער דאָפון אָבוואָרפען ? זאָל ער בויען אליין. זאָל ער טאָהן וואָס ער וויל ?

נאָטע

דאָס וועלען מיר שוין זעהן. זאָל חיים הערש נישט מיינען, אז די גאַנצע וועלט איז זיינע. ער זאָגט, אז ער וועט נישט לאָזען. איך וואוין דאָ לענגער פון איהם. איך האָב דאָ מיינע אָדערען אויס־געצויגען און ער וועט מיר גאָר דאָ קומען דעות זאָגען. (דרויסען געשרייען.)

כאצקעל

לויפט אריין אַ צושראָקענער, פערמאַכט די טיר הינטער זיך. עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר ווי מען וואָלט מיט אַ שטיין דערלאַנגט.

קריינע

וואָס איז ווידער ?

נאָטע

ווער איז עס ? !

כאצקעל

איך וועל איהם היינט אין דער ערד אריינשלאָגען.

טודרוס

ווער איז עס, נח ?

כאצקעל

ווען איך לויף נישט אריין אין שטוב וואָלט ער מיר דעם קאָפּ צו־שפּאָלטען. (וויל ארויסגעהן.)

נאָטע

זיי אין שטוב... ביי מיר איז שוין פריהער רעכט געוועזן נאָך צו־געבען — נאָר איצטער... אפילו מיין קאָפּ זאָל אין דער ערד ליגען, איך וועל שוין נישט נאָכגעבען...

כאצקעל

ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פאַר זיי נאָר געוועזן.

נאָטע

מיר וועלען שוין זעהן... (אַ שטיין טרעפט אין פענסטער. די שויבען ווערען צושמעטערט. אלע טרעטען אָב אין אַ זייט.)

קריינע

אין גאָטעס ווילען, ווער טהוט עס ? !

נאָטע

ווער איז דער וואָרפער, איך וועל איהם א לעבעדיגען בעגראָבען.

טודרוס

געהט אָב פון פענסטער, עס קען נאָך אַ שטיין פאַלען.

נאָטע

בעקוקט דעם שטיין.

אַ שטיין אַביסעל... איצט זעהט אוים, וועט קיין שלום שוין נישט זיין. (דורכ'ן פענסטער פליהט אַריין אַ צווייטער שטיין. דער עולם דערשראָקען בלייבט שטעהן פאַרזיכטיג אין אַ זייט קוקענדיג צום פענס־טער און וואַרטענדיג אויף אַ דריטען שטיין.)

## פיערטעס בילד

ביי חיים הערש׳ן. הערבסט. ביינאַכט.

קרייסעל

זיצט ביים אויוון, פליקט פעדערען.

חיה

העלפט איהר כלומר׳שט צו.

קרייסעל

איך בעט דיר, העלף מיר נישט, ווארום דו פיהרסט נאָר איבער די פעדערען.

חיה

איך פיהר נישט איבער.

קרייסעל

רעד צו איהר און רעד צו דער וואַנד — אַלץ איינס.

חיה

פאַר וואָס פליק איך שלעכט ?

קרייסעל

דו ברעכסט אָב שלעכט די שטעקלאַך און עס בלייבט איבער אין די פעדערען. געה אַרויס און זאָג דעם טאַטען ער זאָל אַריינקומען עסען וועטשערע, ווארום, זאָג איהם, עס וועט ווערען קאַלט.

חיה

נאָך צעהן פעדערען וועל איך אָבפליקען... נו שוין נאָך פינף און דער־נאָך וועל איך געהן.

קרייסעל

מעהר רעד איך נישט צו דיר.

חיה

נו שוין, נאָך צוויי, נאָך איינעם... אָט געה איך שוין... (זי עפענט די טיר אַרויסצוגעהן, נאָר בעמערקענדיג אימעצען הינטערן טיר דערשרעקט זי זיך און אַ געשריי געבענדיג לויפט זי צו דער מוטער.)

קרייסעל

וואָס איז געשעהן ?

חיה

אימעצער שטעהט הינטער׳ן טיר.

קרייסעל

ווען האסטו געזעהן ?

חיה

אפשר די משוגע'נע דאבע. כ'האב זיך אזוי דערשראקען.

קרייסעל

געהט צום טיר.

ווער איז דארט ?

חיה

הינטער'ן טיר קוק, מאמע.

קרייסעל

צירל איז עס גאר... גאט איז מיר דיר, צירל, וואס שטעהסטו הינ־טערן טיר ? קום אין שטוב אריין.

חיה

לויפט אויף צום טיר.

טאקי צירל.

קרייסעל

זי פיהרט אריין ביים האנד צירל'ן א בלאסע און צושראקענע.

וואס איז מיר דיר, מיין קינד ? ווי קומסט אהער איצטער ?

צירל

איך האב מורא דער טאטע זאל מיר נישט דערזעהן. ער קאן זיך דערוויסען אז איך בין דא.

קרייסעל

האב קיין מורא נישט. איך וועל נישט לאזען מען זאל דיר בייז טאהן, אבער וואס איז געשעהן ?

צירל

אוים טרערען.

פאר וואס זענען מיר אזעלכע שונאים געווארען ?

קרייסעל

וואס קען מען העלפען, מיין קינד ? מסתמא וויל אזוי גאט. איך האב אייך קיין שלעכטס נישט געוואונשען. אבער, זאג מיר פארט וואס איז אזעלכעס געשעהן וואס דו ביזט פון דער היים אוועק ?

צירל

דער טאטע האט מיך געשלאגען בין איך פון דער היים אנטלאפען.

קרײסעל

וועה איז מיר, וואָס האָט ער צו אזא טײער קינד ?

צירל

איצטער זיצט ביי אונז כאַצקעל, בין איך פון שטוב אנטלאָפען גע־וואָרען.

קרײסעל

האָסט עס נישט בעדאַרפט טאָהן, נשמה מיינע. ס׳איז דאָך אזוי נאָהנט, דער טאַטע קען זיך נאָך דערוויסען, אז דאָ ביזטו. עס פעהלט מיר חלילה נאָך. —

חיה

אריינרופען דעם טאַטען עסען וועטשערע ?

קרײסעל

וואַרט א מינוט. איך האָב מורא, אז דער טאַטע...

צירל

איך וועל פון דאנען מיט גוטען נישט אוועקגעהן.

קרײסעל

האָסטו נח׳ן געזעהן ?

צירל

ניין. נח איז מיר א שונא געוואָרען.

קרײסעל

רעד נישט אזעלכע ווערטער — וואָס קען ער חלילה האָבען צו דיר ?

צירל

ער ווייזט זיך אפילו נישט. איך ווייס פאַר וואָס. אלע זענען מיר שונאים געוואָרען, און איך האָב זיך נישט וואו אויסצובעהאַלטען.

קרײסעל

שמייכעלט.

ביזטו אהער געקומען. אך, דו נאַריש קינד. זעהסטו, אזוי וויל גאָט. וואָלט איך דען, קינדערלאך, געהאַט עפּעס, חלילה, געגען אייך ? האָבען זיך די טאַטעס איינגע׳עקשנ׳ט איינער דעם אנדערען אומ־גליקליך צו מאַכען. איך ווייז, איך קלאָג — עס העלפט נישט. וואָס קען איך דען מעהר טאָהן ?

צירל

די מאַמע האָט מיט׳ן טאַטען גערעדט, געוויינט. ער האָט נישט געוואָלט פאָלגען.

ק ר י י ס ע ל

וואָס קומט דאַפון אַרויס ? איצטער האָבען מיר ביידע קיין פּרנסה נישט.

צ י ר ל

כאַצקעל מאָנט ביים טאַטען געלד און דער טאַטע האָט איהם נישט צוגעבען.

ק ר י י ס ע ל

פרעג צואוואָס האָט מען עס בעדאַרפט ?

צ י ר ל

טוליעט זיך צו קרייסלען.

וואָס וועט איצטער זיין ? וואָס וועט איצטער זיין ?

ק ר י י ס ע ל

דו וועסט מוזען פאָלגען דעם טאַטען. איך האָב צו דיר חלילה גאָר נישט.

צ י ר ל

וואָס בעהאַלט זיך נח אויס, איך זאָל איהם קיין מאָהל נישט זעהן ?

ק ר י י ס ע ל

נח פאָלגט אויך זיין טאַטען.

צ י ר ל

איך וועל איהם אַליין בעטען.

ק ר י י ס ע ל

וועמען מיינסטו ?

צ י ר ל

איך וועל בעטען אייער מאַן ער זאָל ווערען שלום מיט אונז. איך קען מיין טאַטען נישט בעטען. ער כאַפּט זיך באַלד שלאָגען, איך שעהם זיך צו דערצעהלען וואָס ער מאַכט פון מיר.

ק ר י י ס ע ל

נישט געדאַכט זאָל עס ווערען...

ח י ה

אָ, ווען מען שלאָגט מיר וואָלט איך —

ק ר י י ס ע ל

שווייג, מען פרעגט נישט ביי דיר וואָס דו וואָלסט געטאָהן. געה רוף אַריין דעם טאַטען. זאָג איהם נישט אַז אימעצער איז דאָ אין שטוב. אפשר קען נח אויך אַריינקומען.

חיה

געהט אַרויס.

צירל

פאַלט צו צו קרייסלען.

האָט רחמנות אויף מיר. ראטעוועט מיר פון מיין היים. נעהמט מיר אריין אין אייער שטוב. איך וועל אָהן נח'ן נישט איבערלעבען.

קרייסעל

האָסט נח'ן אויך אזעלכעס געזאָגט.

צירל

ניין. איהם קען איך עס נישט זאָגען. דערפאַר וואָס ער איז זעהר גרויס ביי זיך און איך בין עס אויך. ער האַלט מיט'ן טאַטען זיינעם און איך... איך בעט אייך... איך וועל אַרויסגעהן איידער אייער מאַן קומט אריין.

קרייסעל

איך האָב פאַר דיין טאַטען נאָך מעהר מורא. ער וועט זיך דערוויי־סען אַז דו ביזט דאָ וועט ער נאָך די שויבען אויסשלאָגען. פאָלג מיר מיין קינד און געה אהיים.

צירל

ברעכט די הענד.

ווי זאָל איך געהן? וואוהין זאָל איך געהן, איך וועל אין דער וועלט אריין אנקלויפען. איך וועל לויפען צוריק אויפ'ן בית־עולם און אַ לעבעדיגע זיך אין קבר ווארפען.

קרייסעל

איך האָב, חלילה, צו דיר גאָר נישט. נו, זיי נישט אזוי צושראָקען (זי קוסט איהר און בערוהיגט איהר) זיי נישט אזוי געפאַלען ביי זיך, עס קאָן נאָך אַלץ געמאָלט זיין.

קריינע

קומט אריין נישט טויט, נישט לעבעדיג.

דאָ איז זי גאָר. וועה איז דער מאַמען.

קרייסעל

איהר זענט נישט אין קיין פרעמדע שטוב און איך ווינש אייך קיין בייז נישט. קינדער ווילען נישט וויסען פון דעם וואָס טאַטע מאַמע זענען אויף שטעך־מעסער.

קריינע

אהיים זאָלסטו מיר געהן!

קריסעל

טרייבט איהר נישט מיט געוואלד. אז זי איז אהער געקומען מסתמא ווייסט זי אז דאָ איז מען איהר קיין שונאים נישט. גאָטעניו, וואָס איך ווינש איהר זאָל עס אויסגעהן צו מיין קאָפּ.

קריינע

וואָס ווילט איהר פון מיר האָבען?

קריסעל

איך וויל פון אייך גאָר נישט, קריינעשו. זאָל מיר גאָט שטראָפען אויב איך מיין חלילה אין הארצען עפּעס אנדערש.

קריינע

צו צירלען.

מיין קרוין, מיין לעבען; קום אהיים, ווארום דער טאַטע וועט די שטוב איבערקערען.

צירל

אין דער היים איז מיר שלעכט — אנקלויף איך.

קריינע

וואָס רעדסטו, מיין קינד? וואָס איז דיר שלעכט אין דער היים? איך מאַך דאָך קיין אויג נישט צו ביי נאַכט און אַלץ צוליעב דיר. וואָס איז דען מיין לעבען ווערט חלילה אָהן דיר?

צירל

כאַצקעל וועט מיין חתן נישט זיין!

קריינע

געהערט רייד אַ ביסעל? דאריבער אנקלויפסטו פון דער היים. און אויב אַנקלויפען ביזטו אהער געקומען... גאָטעניו פאָטער, וואָס שטראָפסטו מיר אזוי שווער?

צירל

אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל דאָ זיין, וועל איך אויף דער גאַס ארוים אָבער אהיים וועל איך נישט געהן ווי לאַנג ער וועט זיצען אין שטוב ביי אונז.

קריינע

ער איז שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען.

צ י ר ל
איך ווייס, אַז ער איז נישט אַוועקגעגאַנגען. וואָס ווילסטו האָבען פון מיר, מאַמע? איך האָב אַ האַרץ און ס'האַרץ לאָזט מיר נישט...
איך קען נישט מאַמע, שלאָגט מיר, שניידט מיר אויף שטיקער —
איך וויל נישט.

ק ר ײ נ ע
נישט אַנדערש דו ביזט פון זינען אַראָב. פון וועמען האָסטו אַזעלכע ווערטער געהערט?

צ י ר ל
איך האָב עס פון קיינעם נישט געהערט. איך אַליין זאָג, אַז איך וועל אהיים נישט געהן, ביז דער טאַטע וועט מיר צוזאָגען, אַז ער וועט מיך נישט טרייבען צו איהם.

ח י י ם ה ע ר ש
קומט אַריין, הינטער איהם געהט חית.

ק ר ײ נ ע
וויינט.
גאָטעניו פאָטער וואָס האָסטו צו מיין לעבען?...

ח י י ם ה ע ר ש
קוקט גאַנץ פעדעכטיג צו דעם אַלעמען. ער זעצט זיך אַנידער. שווייגט.

ק ר ײ ס ע ל
נו, וואָס שווייגסטו, חיים הערש?

ח י י ם ה ע ר ש
כ'האָב גאָר נישט וואָס צו זאָגען. איך קוק, וואָס עפּיס פּלוצלונג צו מיר זיך אַראָבגעלאָזען — עפּיס אַ צרה געטראָפען אין מיהל, זאָל איך אפשר געהן פאַריכטען? די מיהל שטעהט זעה איך.

ק ר ײ נ ע
איהר טאָרט עס נישט רעדען, חיים הערש!

ח י י ם ה ע ר ש
וועסט מיר, קרייסעל, געבען עסען. איך בעדאַרף געהן אין מיהל אַריין. דער אינגעל וועט זיך נישט קענען אַליין אַנ'עצה געבען.

ק ר ײ ס ע ל
זעה, זיי זענען געקומען אהער — אפשר האָבען זיי עפּיס צו רעדען.

ח י י ם ה ע ר ש
איצטער רעדען? וואָס וועט איצטער פון רעדען אַרויסקומען? דאָס

וואָס עס האָט בעדאַרפט — איז געשעהן. אייך, ווייבער, האָט זיך
אפשר פערבענקט איינער צום אנדערען, איך בענק נישט נאָך נאָמען.
דער אַלטער קומט נאָך אַ שמעק טאַבאַק בעטען — און אפשר אויס־
צוקוקען וואָס ביי מיר אין מיהל הערט זיך — ווער ווייסט!

קריינע

גאָט איז מיט אייך, חיים הערש...

חיים הערש

אויב איהר זענט געקומען אויספאָרשען וואָס ביי מיר הערט זיך, קען
איך אייך זאָגען, אַז איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט! גאָט צו
דאַנקען, ער פערלאָזט מיר נישט. אַרבייט האָב איך גענוג, געזונד
בין איך אויך... (צו קרייסלען) דו גיסט מיר עסען? איך האָב קיין
צייט נישט צו וואַרטען.

קריינע

אמת'ע רשעים.

קרייסעל

דו בעדאַרפסט אַזעלכעס נישט רעדען, חיים הערש, די קינדער אין
די אויגען.

חיים הערש

וואָס האָט עס מיט די קינדער צו טאָהן? זאָלען די קינדער אויך
וויסען, אַז נאָטע מיט חיים הערשען זענען זיך שונאים איינער דעם
אַנדערען. זאָלען די קינדער וויסען, אַז נאָטע האָט זיך אויף מיר
אָנגעזעצט דעם ביסען ברויט פון מויל אַרויסצורייסען. נאָטע וועט
פאַר געלד זיין איינציגע טאָכטער אויך פאַרקויפען. איך פער־
שטעה אַלץ. (צו צירלען) דיין טאַטע וויל דיר צום יונגאַטש פער־
קויפען און דו ווילסט נישט — דאָס איז די מעשה. איך ווייס עס...
(אויפ'ן הויכען קול) איך האָב פאַר אייך קיין מורא נישט. איהר
וועט מיר מיין ברויט נישט צונעהמען!

קריינע

קוקט איהם אָן ווי אַ פערווירטע. פּלוצלונג.

טפוי, זאָלט איהר ווערען (לויפט אַרויס פון שטוב.)

צירל

וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט'ן פּנים צום פענסטער וויל אויך
אַרויסגעהן.

חיים הערש

געה נאָך נישט אוועק. ווארט, איך וויל דיר זאָגען וואָס דו זאָלסט איבערגעבען דעם טאַטען.

קרייסעל

איך בעט דיר, חיים הערש, זאָלסט שווייגען ? (זי נעהמט אַרום ציר־לען. קוסט איהר און פיהרט איהר אַרויס פון שטוב) זיי נישט צושראָ־קען מיין קינד. קיין בייז זאָל נישט זיין, געה אהיים און שרעק זיך נישט. הער נישט וואָס מיין מאַן רעדט.

חיים הערש

מיט זיין פריהערדיגען טאָן.

זאָלסט שוין יאָ הערען וואָס איך רעד. דו געה אהיים און זאָג דיין טאַטען אז ער זאָל געהן צוריק אויפ׳ן בית עולם קברים גראָבען. און די מיהל זאָל ער מיר איבערגעבען, וועל איך איהם בעצאָהלען פאַר איהר. איך בין נאָך גענוג רייך. (לאַכט)

קרייסעל

חיים הערש, איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָהן.

חיים הערש

שרייט אין טיר אַרויס איבער קרייסעל׳ס קאָפּ.

נישט נאָר איין אומגליק וועט זיך אויף דיין טאַטען ארויסכאַפּען, דאָס איז נאָר אנ׳אָנהויב !...

קרייסעל

שטום, שטום שוין אמאָל. —

חיים הערש

זאָל זי געהן פאַר אַלדע שווארץ יאָהר. וואָס איז זי געקומען אהער ?

קרייסעל

דערלאנגט איהם אַ שיסעל וועטשערע.

עס, עס, און דרעה מיר נישט מיין קאָפּ.

חיים הערש

רוקט אָב פון זיך די שיסעל.

כ׳בין דיר מוחל... וואָס האָבען זיי דאָ געוואָלט ?

קרייסעל

גאָר נישט.

חיים הערש

זיי האָבען דאָך עפּיס יאָ געוואָלט. ביי איהר זענען געווען די אויגען פערוויינט דאכט זיך מיר.

קרייסעל

ביזט נאָך ערגער פון נאָטען. אזעלכע רייד ווי דו האָסט גערעדט קען נאָר א מענש מיט א גזלנ'שע האַרץ.

חיים הערש

אפשר זאָל איך זיי שיקען מיין זוהן? די מיהל שטעהט דאָרט, עפּיס איז דאָרט קאַליע געוואָרען.

קרייסעל

רעד נישט צו מיר.

חיה

אין פענסטער קוקענדיג

זי איז צום מיהל געגאַנגען.

חיים הערש

ווער איז צום מיהל אוועק?

חיה

צירל איז אוועק אין אונזער מיהל. אָט איז זי שוין אַרויף אויף די טרעפּ.

חיים הערש

שפּרינגט אויף.

איך וועל איהר פון אַלע טרעפּ אַראָבוואַרפען.

קרייסעל

זאָלסט נישט געהן זאָג איך דיר. איך וועל זיך א מעשה אָנטאָהן. (שטעלט זיך אין טיר.)

חיים הערש

לאָז מיר, זאָג איך דיר.

קרייסעל

נעהם א מעסער און צושנייד מיר מיין האַרץ. איך וועל דיך אוועקוואַרפען און לויפען אַהין וואו די אויגען וועלען מיר טראָגען.

חיים הערש

וויל אויפמאַכען די טיר וועלכע קרייסעל בעשיצט מיט אַלע כחות.

דו וועסט מיר לאָזען צו גיין?

קרייסעל

הרג׳ע מיך, איך וועל דיר נישט לאָזען.

חיים הערש

נישט אַנדערש ביזט משוגע געוואָרען. זעה נאָר ווי דו זעהסט אויס...

קרייסעל

אָדער מיין לעבען אָדער דיין לעבען, איך וועל דיר נישט לאָזען געהן...
(וויינט) איך וועל עס אפשר נישט אויסהאַלטען.

חיים הערש

געהט אוועק פון טיר.

איך קען שוין זעהר שעהן אויסזעהן. אַלע האָבען געמאכט א יד־אחת געגען מיר.

קרייסעל

די קינדער האָבען זיך ליעב. זיי קענען איינער אָהן דעם אַנדערען נישט לעבען.

חיים הערש

איך וועל איהם אַרויסטרייבען ווי דעם משוגע׳נעם הונד.

קרייסעל

זי האָט דאָ געוויינט ווי אַ קינד וואָס דער טאַטע וויל זי אוועקגעבען צו כאַצקלען.

חיים הערש

ביזטו די שדכנטע פאַר דיין קינד ? עס וועט נישט זיין !

קרייסעל

עס וועט יאָ זיין.

חיים הערש

עס וועט נישט זיין ! סיידען מיין קאָפּ וועט ליגען אין דער ערד.

קרייסעל

מען וועט ביי דיר נישט פרעגען.

חיים הערש

מען וועט שוין ביי מיר יאָ פרעגען.. איך זאָג עס וועט נישט זיין סיידען מיין קאָפּ וועט ליגען אין דער ערד. געה, חיה, זאָג נח׳ן ער זאָל די מינוט פערשטעלען די מיהל און קומען אין שטוב אריין.

קרייסעל

געה נישט, מיין קינד.

חיים הערש

וויל נעהמען דעם פּאַס...

זאָלסט מיר שוין געהן.

חיה

לויפט אַרויס.

קרייסעל

וואָס ווילסטו האָבען פון מיין לעבען? וואָס האָסטו זיך אָנגעזועצט אויף מיין לעבען?

חיים הערש

זעצט זיך ביים טיש אין ערוואַרטונג.

זאָל ער אהער קומען. איך וועל איהם די ביינער צוברעכען, אזוי וועט עס נישט פערבלייבען. אָדער מיין לעבען אָדער זיין לעבען (קלאַפּט אין טיש) אָדער מיין לעבען אָדער זיין לעבען.

קרייסעל

משוגענער.

חיים הערש

מען קען שוין משוגע ווערען פון אזעלכע וייב און קינדער.

קרייסעל

געה עסען.

חיים הערש

איך בין שוין זאַט.

קרייסעל

איך פרעג דיר, וואָס איז דאָס קינד שולדיג, אז איהר טאַטע איז א רשע? זי האָט דאָ געוויינט, אז ס'האָט מיר מיין הארץ געשניטען.

חיים הערש

עס וועט גאָר נישט העלפען. באַלד קומט צו אַלץ א סוף (קוקט אין פענסטער) אָט אזוי. ער האָט פערשטעלט די מיהל.

קרייסעל

מיר וועלען שוין זעהן. מיינסט אז דו פערצאַפּסט מיר דאָס בלוט וועט עס דיר געשענקט ווערען? (הינטער דער טיר הערט זיך נח'ס רעדען.)

חיים הערש

מיט ווען רעדט ער עס?

נ ח

בעוויזט זיך אין טיר. פיהרט פאַר'ן האַנד צירלען.

קום אַריין, האָב קיין מורא נישט.

חיים הערש

וועמען פיהרסטו דאָרט ?

קרייסעל

קום אַריין צירל, האָב קיין מורא נישט. איך וועל נישט לאָזען מען זאָל דיר חלילה בייז טאָהן. (קומען אַריין. נאָר צירל בלייבט נעבען טיהר.)

חיים הערש

קום צו מיר מיין זוהן.

נ ח

וואָס ווילסטו ?

חיים הערש

האָסט די מיהל פאַרשטעלט ? זיי קענען דאָרט מיינען, אַז ביי מיר אין מיהל איז שוין נישטאָ וואָס צו טאָהן, אז כ'האָב שוין חלילה נישט וואָס צו מאַהלען. (צו צירלען) קענסט זאָגען דיין טאַטען, אַז ווען ביי איהם וועט שוין פייפען דער דלות וועל איך נאָך האָבען פון וואָס שבת צו מאַכען.

נ ח

פאַר וואָס האָסטו געהייסען די מיהל פאַרשטעלען ?

חיים הערש

ווייל איך וויל דיר מעהר נישט האָבען פאַר קיין מילנער און איך וויל דיך נישט האָבען פאַר קיין קינד !

נ ח

איז נישט.

חיים הערש

דיין פוס זאָל דאָ מעהר נישט זיין !

נ ח

אפשר ווּעסטו זיך אָהן מיר מאַכען בעסער.

חיים הערש

צו צירלען ווייזענדיג.

ווער איז זי דיינע ?

נ ח

זי איז מיינע גאָר נישט.

ח י י ם  ה ע ר ש

איז זי דיינע גאָר נישט, טאָ פאַר וואָס געהט זי אהער?

נ ח

שווייגט.

ח י י ם  ה ע ר ש

וואָס שווייגסטו? איך פרעג דאָך עפּיס ביי דיר?

נ ח

גאַנץ אונערוואַרטעט.

איך וויל נישט דו זאָלסט איהר פערשעהמען ווען זי קומט אהער.

ח י י ם  ה ע ר ש

אַזוי גאָר... נו גוט. איך וויל זי נישט פערשעמען... קום צו מיר צירל. האָב פאַר מיר קיין מורא נישט.

ק ר י י ס ע ל

אסור ועט דיר זיין אויב דו וועסט איהר אַזעלכעס זאָגען...

ח י י ם  ה ע ר ש

מעגסט צו מיר צוגעהן.

צ י ר ל

געהט צו.

ח י י ם  ה ע ר ש

אַט זעהסטו, מיין קינד איז מיר אַ שונא. איך פרעג איהם און ער ענטפערט נישט.

צ י ר ל

וואָס האָט איהר צו מיר, אויב מיין טאַטע האָט אייך שלעכטס געטאָהן?

ח י י ם  ה ע ר ש

דו רעדסט ווי אַנ׳אַלטער, טאַקי וואָס האָב איך צו דיר...

צ י ר ל

גלויבט מיר, אַז איך האָב נישט איין מאָהל געוויינט און געקלאָגט, אַז דער טאַטע זאָל עס נישט טאָהן.

ח י י ם  ה ע ר ש

און ער האָט דיר נישט געפאָלגט. — זאָג מיר, ווער שיקט דיך אָבער צו פערדרעהען מיין קינד דעם קאָפּ?

קרייסעל

חיים הערש, איך וועל דיך אָוועקוואַרפען.

צירל

איך בין אין דעם נישט שולדיג. איך פאָלג אויך נישט צוליעב דעם מיין טאַטען און מיין מאַמען — וואָס קען איך העלפען ?...

חיים הערש

גערט ביידע פאַר אַלדע שוואַרץ יאָהר !

נח

איך זאָג דיר, טאַטע, נאָך אַמאָהל, אַז איך קען אַליין מיין שטעדטיל בעשטעהן.

חיים הערש

אויב דאָס איז דיין כלה, גערט זיך מיט איהר. גערט צו נאָטען. דיין פוס זאָל דאָ מעהר נישט זיין. איהר האָט דאָך שוין ביידע געווים אָבגערעדט אפילו ווען התונה זאָל זיין...

קרייסעל

בעדענק דיר חיים הערש וואָס דו רעדסט. האָב גאָט אין הארצען. גערט מיין קינד, נח׳ל, גערט לאָז די מיהל און שטעה נישט דאָ.

חיים הערש

צעשרייט זיך.

מען בעדאַרף נישט ! איך קען אַליין, איך אַליין, אַליין !...

דאָבע

קומט אַריין. בלייבט שטעהן נעבען טיר.

קרייסעל

נאַ דיר נאָך אַן׳אָנשיקעניש. וואָס בעדאַרפסטו איצטער דאָ ? ווילסט עסען ?

דאָבע

מיינע קינדער ווילען וויינען.. שרייט נישט...

חיים הערש

טפוי, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר זאָל גערן...

דאָבע

איך קען די קברים נישט עפענען.

חיים הערש

ווערט געזעצט.

אפשר זאָל מען איהר געבען עסען... געטראָפען ווען צו קומען.

דאָבע

איך קען די קברים נישט עפענען ; זיי וועלען פון הונגער אויסגעהן.

קרייסעל

קוועטשט מיט די פּלייצעס.

וואָס איז דאָס פאַר אַ קללה ? אַ צונאָב צו מיינע צרות...

חיים הערש

אַ פייער זאָל עס אָנצינדען, ווי מען קען זיך נישט אויסבעהאַלטען...
(ער קוקט איהר אָן מיט פערדאַכט) פרעג איהר קרייסעל וואָס זי וויל דאָ?

טודרוס

קומט אָן. אין מעהל פערפּולעט.

ראָבע

דערזעהט טודרוסען מאַכט זי זיך שטיל אַרויס פון שטוב.

חיים הערש

איך וועל שוין דאָ גאָר היינט קיין רוה נישט האָבען.

טודרוס

אַ גוטער אבענד !... ווער איז אַרויסגעלאָפען, דאָבע ?

חיים הערש

שטעלט זיך. מיט אַ בייזען בליק ווענדענדיג זיך צו טודרוס'ן.

טודרוס

איך האָב געזאָגט גוט נאָבענד...

קרייסעל

אַ גוט יאָהר.

טודרוס

איידער מען הייבט זיך אָן צוקריגען גיב מיר, חיים הערש, אַ שמעק טאַבאַק.

חיים הערש

דערלאַנגט איהם די פּושקע טאַבאַק.

נו וואָס וועט איהר זאָגען ?

טודרוס

כ'האָב צייט. (קלאַפּט אָפּ די מעהל פון היטעל).

קרייסעל

אַ גוט יאָהר אויף אייך וואָס איהר זענט געקומען אהער.

טודרוס

איך בין געקומען נאָך אשמעק טאַבאַק. מיינער איז מיר אויסגע-

גאַנגען... און צירל... (גוט מוטיג) געה אהיים דו חצופה... דער טאַטע האָט דיך אויסגעצוואָגען ?

קרייסעל

א שעהנעם זוהן האָט איהר אויסגעהאָדעוועט.

טודרוס

נישט געשריען, נישט געבייזערט זיך. איך בין געקומען, איך וויל שלום זאָל זיין, אז מען וועט עס נישט איינלעשען בעצייטענס וועט ווייסט צוואָס עס וועט נאָך קומען. וואָס געווען איז געווען מען בעדאַרף מאַכען שלום.

חיים הערש

עס וועט קיין מאָהל נישט זיין.

טודרוס

עס וועט שוין יאָ זיין. נישטאָ זיך איבער וואָס צו קריגען. (צו צירלען) געה אהיים. האָסט דאָ נישט וואָס צו זיצען.

צירל

איך וועל אהיים נישט געהן.

טודרוס

און דו, נח ?... שענער מענש, האָסט זיך נישט געקענט אַביסעל ארומפּולען... זעץ זיך, חיים הערש, מיר וועלען זיך דורכ׳שמועס׳ן.

חיים הערש

כ׳האָב נישט וואָס צו רעדען.

טודרוס

איך בין דיר אין וועג אריין נישט געקראָכען און צו מיר האָסטו גאָר־נישט. איך געה סיי ווי באַלד צוריק אויפ׳ן בית־עולם.

חיים הערש

בלויז גערעדט.

טודרוס

אָט זעץ דיר אַנידער, וועל איך זיך אויך אַנידער זעצען. גיב מיר נאָך אַ שמעק טאַבאַק וועט מיר ווערען קלאָרער דער קאָפּ.

קרייסעל

געה חיה׳לע ברענג די פלעשעל טאַבאַק פאַר רב טודרוס׳ן.

טודרוס

פערשטעהסטו מיר, וויפיעל לעבט אַ מענש ? כ׳וועל זיך נישט צור־שיטען. איז דאַריבער וויל איך אז שלום זאָל זיין. איך האָב גע־

רעדט מיט מיין זוהן — וויל ער אויך נישט! איז ער אויך אזא עקשן ווי דו — דאריבער זאָג איך, אז דאָס גלייכסטע איז צו מאַכען א שלום און אַנ׳עק זאָל עס נעהמען.

חיה

ברענגט איהם פון צווייטען צימער אַ פּלעשעל מיט טאַבאַק.

טודרוס

ע, חיה׳לע דו ביזט אַ גוט מיידיל וואָס דו האָסט מיר דאָס פּלעשעל געבראַכט. כ׳וועל מיר שוין אָנשיטען דאָס פּושקעלע... זאָג איך אז שלום מוז ווערען...

חיים הערש

איך זאָג אז עס וועט צו גאָרנישט פיהרען.

טודרוס

געדענקסט ווען דו ביזט נאָך געוועזן אַ אינגעל?

חיים הערש

נו איז וואָס?

טודרוס

איך מיין, אז דו געדענקסט, וויל איך זאָגען... אז דיין טאַטע מיט נאָטעס טאַטע, איך מיין שמחה דוד, זאָל זיין אין גן־עדן, האָט מיט טודרוס׳ן אביסעל אנדערש געלעבט. און ווען נישט איך, ווער ווייסט וואו דו וואָלסט איצטער אָנגעשפּארט. איך האָב דיין טאַטען דאָס ערשטע אויסגעהאָלפען אז ער זאָל זיך קענען אַ שטיבעל אויפשטע־לען. איך האָב איהם ס׳פערד געליהען ער זאָל קענען דאָס געהילץ אַריבערפיהרען. און די שטרוי אויף זיין דאַך האָב איך אַליין גע־דעקט. איך אַליין מיט מיינע הענד. איך וויל עס דיר זאָגען, אז דיין טאַטע ליגט אין דער ערד. איך אַליין האָב איהם מקבר געוועזן... איז דאַריבער וויל איך, אז דו זאָלסט מיט מיין זוהן זיך נישט קריגען.

קרייסעל

אויס טרערען.

גאָט איז מיט אייך. ער האָט אונז אומגליקליך געמאַכט. צו האָט איהם חלילה געפעלט פרנסה, וואָס האָט ער זיך אויף אונז אָנגע־זעצט?

חיים הערש

שלעפּט אָפּ אָן ווערטער חיה׳לען וואָס האָט זיך נעבען צירלען געזעצט.

בין איך שוין גערעכט, אז ס׳וועט נישט העלפען?

טודרוס

זאָג איך דאַריבער, אַז מען בעדאַרף אויסגעפינען אַ פשרה און קריגען זיך איז נישטאָ וואָס... גיי, נח, כאַפּט זיך אַריבער און ברענג אַהער נאַטען.

נח

ער וועט נישט געהן.

טודרוס

גיי דו, צירל, זאָג דעם טאַטען, אַז איך בין דאָ.

חיים הערש

איך בעדאַרף איהם דאָ נישט האָבען.

טודרוס

מען פרעגט נישט ביי דיר! איך וויל עס... יונגאַטש איינער, ווי לאַנג ביזט נאָך געווען אַ פּיזשיק? אַנטקעגען וועמען האָסטו עס אַ העזה צו רעדען אזוי?.. איך האָב דיין טאַטען און דיין מאַמען צו קבר ישראל געבראַכט. צו וועמען רעדסטו אזוי... דו!

חיים הערש

יאָ, ס׳איז אַלץ אמת וואָס איהר זאָגט, ס׳איז אַלץ אמת. פרעג איך אייך אדרבה זאָגט מיר, וואו זענט איהר געווען ווען ער האָט אָנגע-הויבען בויען די מיהל?

טודרוס

מסתמא איז עס צום גוטען געווען... און איך וויל, אַז אַ שלום זאָל ווערען... געזעהן אַ מאָהל ס׳זאָל נישט זיין וועמען אַריבערצושיקען ברענגען נאַטען אַהער. גיי דו חיה׳לע, כאַפּ זיך אַריבער זאָג מיין שנור, אַז איך רופ זי אַהער.

קרייסעל

זי איז דאָ נאָר וואָס געווען.

טודרוס

ווער, קריינע? מע... און איך האָב עס גאָר נישט געוואוסט.

קרייסעל

זי איז דאָ געווען. האָט אַזאַ פינסטערען מזל ווי איך.

טודרוס

הער זיך איין, נח. זיי אַ מענש, גיי כאַפּ זיך אַריבער און ברענג אַהער נאַטען. דו קענסט דאָך אַזוי גוט וואַרפען שטיינער אין די שויבען יונגאַטש איינער... גיי שוין גיי רופ איהם.

קרייסעל

גאָט איז מיט אייך, ער קען דאָך איהם אויף די אויגען נישט לאָזען.

טודרוס

קיין בייז זאָל נישט זיין. פאַר נח'ן איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען.

חיים הערש

איך וועל געהן לאָזען די מיהל.

טודרוס

לאָז געמאָך. זיי נישט קיין עקשן. ווען דו וואָלסט זיך נישט איינגעשפּאַרט וואָלט עס שוין אַנדערש געווען. מיט נאָטען קען מען נאָך אויסקומען. נאָטע האָט נאָך אַ טאַטען, האָט נאָך דרך־ארץ; און דו שקאָץ איינער — האָסט קיין טאַטען נישט, האָסטו נישט פאַר וועמען מורא צו האָבען.

חיים הערש

אומזיסט אייערע רייד, עס וועט גאָר נישט אַרויסקומען. געה, נח, לאָז די מיהל.

קרייסעל

געה, מיין קינד, אפשר וועסטו קענען ברענגען נאָטען אהער; איך האָב שוין קיין כח נישט אויסצוהאַלטען.

טודרוס

געהט קינדער. געהט אַלע דריי. ברענגט אהער נאָטען מיט מיין שנור. און טאַמער איז נאָך דאָרט פאַרהאַנען דער... זאָגט איהם, אז ער קען בלייבען זיצען האַרטען... אָט אזוי קינדער געהט... (צירל, נח און חיה געהען אַרוים).

חיים הערש

נו, אָנגעזעצט זיך אויף מיר, טפוי זאָל עס ווערען —

טודרוס

טפוי זאָלסטו ווערען, שנעק דו איינער!.. אז איך זאָג, שלום, וועט דאָך שוין מסתמא זיין ווי איך זאָג... פאַרשטעהסטו, אז ביי דיין טאַטען איז שוין פאַרטיג געווען די שטוב איז נאָך קיין אָנהייב פון קיין שטאַל אפילו נישט געווען. אונטער אַ שטיקעל דאַשיק איז דער פערד געשטאַנען און אונטער דעם אייגענעם צובראָכענעם דאַשיק איז די בהמה אויך געשטאַנען. ס'האָט שוין אָנגעהויבען געהן צו ווינטער און ס'איז נישט געווען וואו די „שטיקלאָך" אהין צו טאָהן. מיינסטו גוט איז עס געווען? די בהמה זיך געקעלבט ביי

מיר אין שטאַל. דאָס קעלביל צו זיך אין שטוב אריין גענומען. די מאַמע פלעגט קומען צו מיר אין שטאַל אריין די בהמה מעלקען... און אז ס׳האָט אויסגעפעלט האַלץ, אויף שבת דעם אויוון צו הייצען...

חיים הערש

ווילט איהר איך זאָל עס אייך איצטער ארויסצאָהלען ?... זאָגט וויפיעל עס קומט אייך —

טודרוס

איך בין רייכער פון דיר, דו גאָרנישט איינער ! ווארום איך וועל שוין באַלד זיין מיט אַלץ בעזאָרגט... איך וויל עס דיר נאָר דערצעהלען כדי דו זאָלסט וויסען, אז יעמאָלט האָט מען זיך נישט געקריגט נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

חיים הערש

א שעהנער נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

קרייסעל

ווי קענט איהר עס גאָר פון אייער מויל ארויסזאָגען ?

טודרוס

איך האָב געזאָגט, אז מען בעדאַרף נישט, האָט מען מיר נישט געפאָלגט. כ׳האָב געזאָגט, אז קברנות איז א זיכערע פרנסה. נישט אויסקוקען ביז דער ווינד וועט מוחל זיין צו בלאָזען. שטאָדט וויל איהם נאָך איצטער אויך נישט אָבלאָזען. זינד ער איז אוועק שפרינגען דאָרט די מתים צווישען די קברים ארום... האַנדלען מיט׳ן ווינד... און דער עיקר איז... (ער קוקט אין פענסטער.)

חיים הערש

קוועטשט מיט די פלייצעס צום אַלטען קוקענדיג, ווי איינער זאָגט : „וואָס וויל ער דאָ האָבען פון מיר ?"

קרייסעל

זיי געהן שוין ?

טודרוס

דער גוטער יאָהר ווייסט איהם ; איך זעה נישט.

חיים הערש

וואָס וויל נאָך דאָס מיידעל האָבען פון מיין קאָפּ ?

טודרוס

דאָס מיידעל איז טייערער פון דיר מיט דיין מיהל אין איינעם. דאָס

איז מיין גאַנצע הרחבה אין לעבען. נאָר צוליעב'ן מיידעל בין איך אהער געקומען און כ'וואָלט וועלען אַ שלום מאַכען. ער האָט זי היינט געשלאָגען דער יונגאַטש. ווי הייבט מען עס אויף אַ האַנד אויף אַזאַ ליכטיג קינד ?

קרייסעל

ער האָט דעם זוהן היינט אויך געוואָלט שלאָגען.

טודרוס

וואו האָבען זיי זיך עס אויסגעלערנט ? צו האָב איך אַ מאָהל כאַטש אויף נאָטען אַ פינגער אַרויפגעלעגט ? צו האָט דיך דען אַמאָהל דיין טאַטע געשלאָגען ? פונקט ווי אין אַ וואַלד עס אויסגעוואַקסען...

חיה

קומט אַריין.

זיי ווילען נישט געהן.

טודרוס

וויל נישט געהן ? וואו זענען די קינדער ?

קרייסעל

וואו איז נח ?

חיה

ער געהט אהיים. צירל איז אין שטוב נישט אַריינגעגאַנגען.

טודרוס

טאָ ווער דען האָט מיט נאָטען גערעדט ?

חיה

נח איז אַריינגעגאַנגען.

קרייסעל

נח איז אין שטוב געווען ?

חיה

איך האָב געזעהן דורכ'ן פענסטער.

טודרוס

פאַר וואָס ביזטו אַליין אַהין נישט אַריינגעגאַנגען ?

חיים הערש

נישטאָ וואָס צו מאַכען. (ס'איז צו מערקען אַז איהם אַליין פעדדריסט וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען.)

טודרוס

דאָס איז אין דער האַלבער וועלט נישט געהערט געוואָרען, קינדער

זאָלען אַ טאַטען צו די עלטערע יאָהרען אַזוי פערשווארצען זיינע טעג...

קרייסעל

זאָל איך אפשר געהן? וואָס זאָגסטו, חיים הערש?

חיים הערש

שווייגט.

טודרוס

דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, אַז דו, קרייסעל, זאָלסט אַריבערגעהן.

צירל

לויפט אַריין אין שטוב און וואַרפט זיך צום אַלטען.

זיידע, זיידע לאָזט נישט; ער יאָגט מיר נאָך... ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז איך בין דאָ געווען...

קרייסעל

וואו איז ער?

טודרוס

וואו איז ער? איך וועל צו איהם אַלע בייזע חלומות אויסלאָזען.

נח

קומט אַריין בלאַס און אויפגערעגט.

קרייסעל

דו ביזט דאָרט געווען? נו...

נח

ער האָט זיך גאָר געבאַפט שלאָגען, ער מיינט אַז...

נאָטע

קלאַפט אין פענסטער, שרייט.

זאָלסט מיר פון דאָרט אַרויסגעהן! אהיים זאָלסטו מיר געהן!

טודרוס

קום אַריין, נאָטע. קום אַריין, יונגאַטש דו.

קרייסעל

אין גאָטעס ווילען, וואָס האָט איהר צום קינד? קומט אַריין.

טודרוס

געה דו אַרויס קרייסעל און ברענג איהם אַריין. פערשטעהסט, אַז איך וועל אַרויסגעהן איז די זאַך פערפאַלען.

היים הערש

לויפט אין צווייטען צימער.

טודרוס

וואָס אנטלויפסטו, חיים הערש ? דאָ בלייב. היינט וועט עס נעה־מען אַ ג'עק.

קריסעל

זי געהט אַרויס. ס'הערט זיך הויך רעדען דרויסען.

צירל

טוליעט זיך צום אַלטען.

טודרוס

וואָס ציטערסטו אזוי, דו ציג איינע ? דיין טאַטע איז נאָך נישט אזוי שלעכט ווי דו מיינסט. אז עס מאַכט זיך אַ פּגע־רע קערט ער אוים טעפּלאָך.

צירל

זיי געהען אַלע אהער.

טודרוס

קום אַרויס, חיים הערש ; וואָס האָסטו זיך בעהאַלטען ?

קריסעל און קריינע

ברענגען אַריין מיט געוואַלד נאָטען.

נאָטע

נו שוין, אַט בין איך שוין דאָ.. נו נעהמט בעגראָבט מיך.

קריינע

צו צירלען.

מיין קינד, ווי ווילסטו עס אזוי אַ מאַמען פּערקירצען די יאָהרען ?

נאָטע

פּערמעסט זיך צו צירלען מיט אַ פינגער.

איך וועל דיר נאָך ווייזען וואָס אַ טאַטע איז...

טודרוס

מען ווייסט שוין וואָס פאַר אַ טאַטע דו ביזט, און וואָס פאַר אַ טאַטע חיים הערש איז. אזא... נאָר כ'וויל אייך נישט שעלטען.

נאָטע

וואָס ווילסטו פון מיר, טאַטע ?

טודרוס

איך וויל מאַכען אַ שלום.

נאָטע

האָט מען מיך אהער געבראַכט ? קראַנק איז ער צוקומען צו מיר ?

חיים הערש

אין טיר פון צווייטען צימער.

איך האָב נאָך דיר נישט געשיקט און כ׳בעדאַרף קיין שלום נישט.

קריינע

מיר ווינשען אייך קיין בייז נישט, חיים הערש.

חיים הערש

קריגעריש.

איך וויל פון דעם נישט וויסען.

טודרוס

אויב מען וועט אריינלאָזען אין דער לאַנגער באַנק וועט פון דעם קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

קרייסעל

מען וועט נאָך חלילה אויפ׳ן פייער אַרויפקומען.

נאָטע

ברענען איז ברענען.

חיים הערש

אויב ברענען, איז ברענען.

קרייסעל

מיינע שונאים זאָלען ברענען.

קריינע

איך בין אייך קיין שונא נישט.

טודרוס

שטעהט נישט ווי די הענער אָנגעבלאָזען. זאָל מען זיצען און רעדען ווי מענשען. וואָס ס׳איז געווען — איז געווען, טאָמער וועט איינער דעם אַנדערען בעדאַרפען אַרויסצאָהלען — וועט מען אַרויסצאָהלען. און אַ שלום זאָל ווערען.

נאָטע

וואָס ווילסטו טאַטע ? לאָמיר הערען.

טודרוס

זעץ זיך, וועסטו הערען.

חיים הערש

גערה, נח, לאָז די מיהל ; איך קום באַלד אַרויס.

טודרוס

מיט כעס.

דו יונגאַטש איינער, איך וועל דיר די ביינער צוברעכען, וואָס ווילט

איהר פון אַנ׳אַלטען טאַטען — בעגראָבען פאַר דער צייט ? איך וועל מיר נישט לאָזען !

קרייסעל

געזונד זאָלט איהר נאָר זיין רב טודרוס.

קריינע

וואָרום ער איז דען נישט גערעכט ?

טודרוס

געזעהן אַמאָהל, מען קען זיך מיט׳ן ווינד נישט צוטיילען... די וועלט איז קליין.

חיים הערש

גענוג גערעדט, וואָס ווילט איהר ?

טודרוס

דערלאַנג קרייסעל צום טיש בראָנפען, אויב דו האָסט.

קרייסעל

ס׳איז פאַרהאַנען ; ווייסט ווי דען ?

טודרוס

לויף צירל אהיים און ברענג די פלאַש בראָנפען.

נאָטע

שטעהט אויף.

פון דיינע פלענער טאַטע וועט גאָר נישט ארויסקומען.

צירל

זי ציהט אין דער שטיל אַרויס חיה׳ן פון שטוב. פערשווינדען.

טודרוס

דו, נח, געה ארויס פון שטוב אויף אַ ווייל ; מען בעדאַרף דיך איצטער נישט האָבען. (צו נאָטען) זיץ איין אויף אַנ׳אָרט, זיץ...

נח

געהט ארויס.

טודרוס

צו נאָטען און חיים הערשען, וואָס זיצען ביים טיש מיט די פלייצעס איינער צום אַנדערען.

איצט, מיין זוהן, הער וואָס איך זאָג דיר. און דו, חיים הערש, הער וואָס מען רעדט צו דיר. אייער מחלוקת איז צו וויט פערגאַנגען. עס געפעלט מיר נישט. איך בין אויך אַנ׳עקשן, אָבער עקשנות בעדאַרף דאָך האָבען אַ גרעניץ. קינדער בעדאַרפען נישט ליידען פון טאַטע־

מאַמעס עקשנות. איהר הערט וואָס מען רעדט צו אייך? יענער האָרט, כאַצקעל, האָב איהם אַ גוט יאָהר — ער האָט דיך אין אַ בלאָטע פערפיהרט, מיינענדיג צירלען צו בעקומען... זי האָט אָבער ליב נח'ן. ס'איז איהר זאַך. קענסטו נישט העלפען. יענער איז רייך? האָב איהם אַ גוט יאָהר. ווער ווייסט נאָך בעסער פון אַ קברן וואו אָרים און רייך ליגען? כע־כע!

נאָטע

ס'וועט דערפון גאָר נישט זיין, טאַטע.

חיים הערש

דערפון וועט גאָר נישט אַרויסקומען. זאָל געהן ווי עס געהט.

קריינע

און אייער קינד?

חיים הערש

פאַר מיין קינד זאָל אייך נישט אַרען.

קרייסעל

אויס טרערען.

וואָס האָרט זיי טאַקי פאַר די קינדער? די קינדער געהן אויס ווי ליכט.

טודרוס

איך זאָג דיר נאָך אַמאָהל, נאָטע, און דו, חיים הערש, איהר זאָלט אָוועקוואַרפען אייער עקשנות.

חיים הערש

איך האָב נישט קיין עסקים מיט קברנים.

טודרוס

שעמען זאָלסטו זיך אין דיין ווייטען האַלז אַריין.

נאָטע

וואָס ווילסטו פון מיר, טאַטע? די גאַל וועט אין מיר פּלאַצען.

קריינע

בעדענק דיר, נאָטע.

קרייסעל

חיים הערש, איך האָב שוין קיין כח נישט. דער סוף וועט זיין, אַז אימעצער פון אונז וועט נאָך חלילה מיט'ן פייער אָוועקגעהן. יענער יונגאַטש וועט נאָך מענשען דינגען, אַז מען זאָל אונז אונטערצינדען.

צירל

קומט מיט אַ פלאַש בראָנפען. דערלאַנגט דעם אַלטען אין דער שטיל. חיה גערט איהר נאָך.

טודרוס

שטעלט די פלעשעל אויפ'ן טיש. דער עולם קוקט אויף איהר און שווייגט.

דערלאַנגט גלעזלאַך צום טיש.

קריינדעל

דערלאַנגט צום טיש גלעזלאַך.

טודרוס

וואו איז נח?

קריינדעל

רופט.

נח'ל, וואו ביזטו?

נח

קומט אַריין.

וואָס בעדאַרף מען מיך?

קריינדעל

זיי אין שטוב.

טודרוס

איצטער קינדער פאָלגט אַנ'אַלטען טאַטען. הערט זיך איין מיט קאָפּ. אויב איך וועל זאָגען אַ קרומע זאַך וועט איהר מיר נישט פאָלגען. האָט איהר פּראָוו... (מיט ציטריגע הענד גיסט ער אָן די גלעזלאַך). נעהם, נאָטע, ס'איז דיין בראָנפען. נעהם מאַך אַ ברכה... לחיים, זאָל גאָט געבען, אַז עס זאָל שוין געהן כשורה. נו, חיים הערש, לחיים, טרינק אויס, ס'איז נישטאָ קיין צייט. מען בעדאַרף די מיהלען לאָזען. די מיהלען שטעהען. (דער עולם טרינקט ניט. די גלעזלאַך שטעהן אָנגעגאָסען אויפ'ן טיש.) נו, וועל איך אַליין טרינקען. (טרינקט.) אין דער מיהל וואָס מען האָט אויסגעבויט, איך מיין אין דער נייער מיהל וועט מען אריינזעצען נח'ן מיט צירלען. אַזוי וועט עס בלייבען. (דער עולם שווייגט. קוקען זיך דורך שווייגענדיג.)

נאָטע

דאָס וועט נישט זיין.

חיים הערש

אַ נעכטיגער טאָג!

קריינע

חיים הערש, איך האָב צו אייער קינד, חלילה, גאָר נישט. אזא יאָהר אויף מיר וואָס פאַר אַ קינד איהר האָט.

קרייסעל

ס'הארץ איז מיר פריהער צעריסען געוואָרען קוקענדיג אויף איהר ווי זי האָט נעביך געוויינט מיט ביטערע טרערען.

טודרוס

איהר האָט זיך האָלד, קינדער, זאָגט עס אייערע טאטעס, זאָלען זיי וויסען. — איך זאָג, אַז מען זאָל די קינדער אַריינזעצען אין דער מיהל און מיר וועלען צוריק געהן אויפ'ן בית עולם. שטאָדט וויל אונז און איהם וועט מען דאָס געלד אָבגעבען.

נח

איך אַליין וועל איהם דאָס געלד צוריק אומקערען.

טודרוס

אָט האָסטו דו שוין.

קרייסעל

וואָס שווייגט איהר נאָטע?

קריינע

זאָל חיים הערש זאָגען אַ וואָרט.

טודרוס

עלטערען מיט קינדער וועלען זיך צוליעב פרנסה נישט שלאָגען. איהר וועט זיי העלפען און מיר וועלען זיי העלפען. און שלום זאָל זיין. זאָגט קינדער אַז איהר האָט זיך האָלד. (דער עולם זיצט אַ צייט מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ. שווייגט.)

נאָטע

שטעהט אויף, נעהמט פון טיש צוויי גלעזלאך בראָנפען. ער דערלאַנגט איינס צו חיים הערשען.

נו, חיים הערש. זיי קיין עקשן נישט. וואָס געווען איז געוועזן. מסתמא איז דאָך עס פון גאָט.

חיים הערש

נעהמט די גלאָז, בלייבט נאָך אַלץ אַזוי זיצען.

טודרוס

נו, וואָס, נאָך אַלץ אָנגעבלאָזען?

נאָטע

ווינקט צו צירלען. ער קוקט זי אָן.

נו האָב איך עס א טאָכטער...

חיים הערש

נישט בעסער פון מיין זוהן.

טודרוס

לחיים, לחיים! (אַלע אין איינעם): „לחיים, לחיים!" (די מענער טרינקען אויס.)

קריינע און קרייסעל

קושען זיך.

שרייען: „מזל טוב!" „מזל טוב!"

חיה

פערשטעהט שלעכט וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר זעהענדיג אַז די גרויסע זענען שלום געוואָרען טאַנצט זי פאַר שמחה. און שרייט:

„מזל טוב, מזל טוב!"

ענדע.